NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13473

DER VAYSER PUDL

Aleksandr Ivanovich Kuprin

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פיאנערן ביבליאטעק

אין פרעסע

א. קופרין

ווייסער פודעל

צענטראלער פארלאג

№

[891.71-3]

שול-און פיאָנערן-ביבליאָטעק

ביבליאטעק
אראנער
ניו-יארק

אַ. קופּרין

דער ווייסער פּודעל

אידיש — אי. קיפּניס

№ 18

צענטראלע יידישע-ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

קאָאָפּעראַטיווער פארלאג
„קולטור-ליגע“
קיעוו—1926

PRINTED in U.S.S.R.

קיעווער שול פון פאליגראפ.
אינדוסטריע און נאמען פון
ל. באלאבאנאוו וואראווסקע 16,

קיעווער אקרליט 3000—18160

באשט. 827

I

דורך שמאָלע באַרג-שטעגעלעך, לאַנגויס דעם דאָרעם-ברעג פון קרים, האט זיך אַרומגעשלעפּט פון איין דאַטשע-דערפל צום צווייטן אַ וואַנדערנדיקע טרופּע.

פאָרויס איז שטענדיק געלאָפן דער ווייסער פודעל אַרטאָ מיט זיין ארויסגעשטעקטן און אַף אַ-זייט הייגעגנדיקן, לאַנגן, ראָ-זאָוון צונג, און אַן אָפּגעשוירענער איז ער געוועז—עלעהיי אַ לייב. וואו אַ שייד-וועג האָט ער זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט, געדרייט מיטן עק און זיך מיט אַ פרעגנדיקן בליק אומגעקוקט אַף צוריק... דורך געוויסע, ערגעץ נאָר אים אַליין באַוואוסטע סימאָנים, האָט ער שטענדיק אָן דעם מינדסטן טאָעס געטראָפן דעם וועג. און פלעג, פריילעך טרייסלענדיק מיט די באַוואַקסענע אויערן, זיך לאָזן אין גאַלאָפּ, ווידעראַמאָל פאָרויס.

באַלד נאָכן הונט איז געגאַנגען דאָס צוועלפיאָריקע אינגעלע סערגיי, וועלכער האָט געהאַלטן אונטערן ליגקן אָרעם אַ צונויפ-געלייגטן טעפּיך צוליב אַקראָבאַטישע איבונגען און אין דער רעכ-טער האָט ער געטראָגן אַן אייגג און שמוציק שטייגל מיט אַ שטשי-געל, וועלכער האָט שוין געקענט אַרויסשלעפּן פון שופלאָדל פאַר-שיידנפאַרביקע פאַפּירלעך, וואָס קענען דיר טרעפן, ווי אזוי דיר וועט אַמאָל גיין אין לעבן.

ענדלעך, אין סאַמע פונהינטן, האָט זיך געשלעפּט דער עלטסטער מיטגליד פון דער טרופּע—דער זיידע מאַרטין לאָדיזשקין. ער האָט געטראָגן אַף זיין אויסגעבויגענעם אַקסל די קאַטערינקע.

די קאַטערינקע איז געווען אַן אַלטמאָדישע. דערצו האָט זי נאָך געהאַט די ערע צו זיין הייזעריק, ווייל זי האָט געליטן פון אַ שלעכטן הוסט און האָט אַף זיך, פאַרן מעשעך פון איר ווייסטן ביסל לעבן, געטראָגן ניט דעם ערשטן צענדליק לאַטעס. געשפּילט האָט זי צוויי זאַכן, וואָס זיינען ביידע געווען אין דער מאָדע צו-ריק מיט 40 — 30 יאָר אַנערעך, איצטער אָבער געדיינקט זיי שוין קיינער ניט.

די קאַטערינקע האָט נאָך געליטן פון צוויי פאַרעטערישע פּיפּ-לעך. איינע (דער דיסקאַנט) האָט אינגאַנצן אַנגעוואויירן די שטים; זי האָט לאַכלוטן ניט געקענט שפּילן און דערומאַך, ווען ס׳פלעג צו איר דערגיין די ריי, פלעג די גאַנצע מוזיק זיך אַנהייבן זאַ-איקעווען, אונטערהינקען און שטאַמלען. הייגט באַ דער צווייטער באַ דער, וועלכע דאַרף שפּילן שטיל, האָט זיך קיינמאָל ניט גע-קענט צומאַכן דער קלאַפּאַן צו דער רעגע, ווען מע האָט ג... דאַרפט. און האָט ער זיך נאָר געעפנט, אַזוי האָט זיך פאַרנומען איינער און דערוועלבער באַסקאָל, וועלכער האָט פאַרטומלט און אַראָפּגעשלאָגן פון וועג אַלע איבעריקע קלאַנגען. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט פלעג זי אַרבעטן אָט-אָ די פּייפל, ביז ס׳פלעג זיך איר אליין ניט פאַרוועלן אופהערן און דערנסמאָלט איז זי אַנשווייגן געוואָרן. דער זיידע האָט שוין אַליין אַפילע מוידע געווען אין אַסאַך פעלערן, וואָס זיין מאַשין פאַרמאָגט. און אַמאָל האָט איר אים געקענט הערן באַמערקן, כאָטש אַפילע אין אַ ווערטל-דיקן טאָן, אָבער שטענדיק מיט אַן אָפּשיין פון באַהאַלטענעם צאַאַר:

— מע קען גאָרניט העלפן!.. אַ פאַרעלטערטער אָרגל... אַ צוגע-קילטער... הייבסטו נאָר אָן צו שפּילן, אַזוי באַליידיקן זיי זיך גלייך די דאַטשניקעס: „פע, — זאָגן זיי, — ס׳איז כאַלאָשעס!" און שטעלט זיך פאָר, אַז די פּיעסן זיינען געווען זייער פיינע, גאַנץ מאָדישע, אָבער גיי טו מיט אונזערע הייגטיקע פּריצים, אז זיי קוויקן זיך גאָרניט מיט אונזער מוזיק. זיי דערלאַנג וואָס גיכער „היישען", „אונטערן צוויי-קעפּיקן אָדלער", דעם וואַלס פון דעם „פויגל-פאַר-

קויפער". און סאַקע ווייטער אַמאָל אָט די שלימאַזלדיקע צוויי פּייפלעך... איך האָב זיך מיט אים אומגעטראָגן, מיטן אָרגל. צום באַלמעלאָכע, ווייל ער איז אַפילע אין די הענט אַריין ניט נעמען. „מע דאַרף—זאָגט ער, אַהער אַריינשטעלן נייע פּייפלעך, און ווען דו ווילסט,—זאָגט ער,—מיך הערן, טאָ פּאַרקויף זי, זאָגט ער, אינגאַנצן דיין שמאָכטע ערגעץ אין אַ מוזיי אַהין... עלעהיי, לאָמיר זאָג, עפּעס אַן אַלטער דיינקמאָל..." נו, מיילע, כאַפּט עס דער גוטער יאָר. הערסטו סערגיי, זי האָט אונז געשפּייזט ביז איצט, און וועט אונז נאָך שפּייזן אַביסל.

דער אַלטינקער מאַרטין לאָדיזשקין האָט ליב געהאַט זיין קאַ-טערינקע אַזוי ווי אַ לעבעדיקע, אַ נאָענטע זאַך. און עפּשער אַפּי-לע אַזוי ווי אַ נאָענטן, אַן אייגענעם.

און פּונקט אַזוי, ווי די קאַטערינקע זיינע און עפּשער נאָך מער אַביסל—האָט דער אַלטער ליב געהאַט זיינע צוויי אינגערע כאַווי-רים אין זיינע אייביקע וואַגלעגישן: דעם פּודעל אַרטאָ און דעם קליינינקן סערגייען. דעם אינגעלע האָט ער צוריק מיט פינף יאָר באַקומען אַף פּראָקאַט באַ אַ שטעפּער, עפּעס אַ שוסטער אַן אַל-מען. דער אַלטער האָט זיך געוועט מיסכאַיעוו געוועט צו צאָלן פאַר אים צו 2 רובל יעדער כוידעש. אָבער דער שוסטער איז אינגיכן אַוועקגעשטאָרבן, און סערגיי איז געבליבן שוין אַף אייביק צונויפ-געבונדן מיטן אַלטינקן מיט לייב און לעבן און מיט די קליינע טאָגטעגלעכע לעבנס-באַדערפעניש.

II

דאָס שטעגעלע האָט זיך געצויגן לאַנגויס דעם הויכן, ביי-ברעגיקן פעלז און זיך געשלייגלט אינם שאָטן פון די הונדערט-יעריקע איילבערט-ביימער. דער יאַם האָט אָפּטמאָל אַ גלאַנץ געטון פון צווישן די ביימער און דענסטמאָלט האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרט וואו דער יאַם שפּרייט זיך אויס אהין אין דער ווייט, הייבט ער זיך אויך אוף אין איינער און דערזעלבער צייט אין אַ

רואיקער ריזיקער וואַנס, און זיין קאָליר איז נאָך בלויער און גע-דיכטער פון צווישן די באזילבערט-גרינע בלעטער.

אין גראָז, אין די שטרויכן פון קיזל און צווישן די ווילדע שטעכלקעס אין די ווינגערטענער און אף דיביימער.—אומעטום זיינען זיך פארגאנגען די ציקאַדעס; די לופט האָט געציטערט פון זייער הילכיקן, איינאַרטיקן און אומופהערלעכן געשריי. דער טאָג האָט זיך איינגעגעבן אַ הייסער, אַ שטילער, אָן דעם מינדסטן ווינטל און די אָנגעהיצטע ערד האָט געברים די טרים פון די פיס.

סערגיי (וועלכער איז ווי געוויינלעך געגאַנגען אפריער פאַר דעם אַלטן) האָט זיך אָפגעשטעלט און גענומען אָפוואַרטן דער אַלטער זאָל זיך מיט אים אויסגלייכן.

— וואָס איז מיט דיר, סעריאָזשע? פרעגט דער קאַטערינשטשיק.

— סע איז אזאַ היץ, זיידינקע לאָדיזשקין... סע איז שוין ניט איבערצוטראָגן!.. עפשער זיך אויסבאַדן, אָדער וואָס?..

דער אַלטער האָט, אין איינוועגס מיט אַ געוויינלעכן דריי פון דער פלייצע, פאַריכט די קאַטערינקע אפן אַקסל און אָפגעווישט מיטן אַרבל דעם פארשוויצטן פאָנעם.

— מע וואָלט גאָר בעסער ניט באַדאַרפט!—האָט ער אָפגעאָטעמט. און האָט זיך אויך גיריק פארקוקט אַהין אַראָפצו צו דער אָפקי-לנדיקער בלויקייט פונם יאַם.—מער ניט נאָכן באָדן וועט עס נאָך דיך ערגער צעקאָכן. מיר האָט איינער אַ באַקאַנטער פעלדשער געזאָגט: אָט די אייגענע זאַלץ,—זאָגט ער,—ווירקט אַפן מענטשן... דאָס דאַרף מען אזוי פאַרשטיין; אז סע שוואַכט אָפ... זאלץ, הייסט עס, פון יאַם אַזוי...

— עפשער האָט ער געדרייט א ליגן?—האָט סערגיי ניט זי-כער באמערקט.

— אָט האָסטו דיר, געדרייט אַ ליגן! צו וואָס זאָל ער עפעס דרייען ליגונים? ער האָט א דירעלע אן אייגענע אין סעוואסטאָפאָל. און ווייטער, איז טאַקע דאָ ניטאָ דורכוואַנען זיך אַראָפלאָזן צום יאַם. ווארט אויס, לאָמיר שוין פאַמעלעכקי פארגיין קיין מיסכאָר, דאָרט וועלן מיר שוין אַקאָרשט אַביסל אָפשווייכקען אונזערע זינ-

דיקע לייבער. פאַר מיטאָג איז עס שוין אַפילע א מעכאַיע זיך אַ קאַפּ אויסבאָדן... און דערנאָך, הייסט עס, כאַפּן אַ דרעמל... און סע גייט א געשעפט...

דערהערנדיק הינטער זיך א שמועס, האָט ארטאָ געכאַפּט און זיך אויסגעקערעוועט צו די מענטשן. זיינע גוטע, בלויע אויגן האָבן זיך געזשמורעט פון דער היץ און האָבן ליב געקוקט. און דער אויסגעשטעקטער לאנגער צונג האָט זיך אונטערגעהעצקעט פון זיין גיכן אָפּטן אָטעם.

— וואָס, ברודער הונטיקל? פרעגט אים דער אַלטער,—סע איז דיר וואַרעם, האַ?

דער הונט האָט אן אָנגעצויגענעם געגעץ געטון. דער צונג האָט זיך בא אים בייסמאיסע פאדרדייט אין א פייפל, דערנאָך האָט זיך א טרייסל געטון מיטן גאַנצן לייב און אַ דינעם ווישטשע געטון.

— נ-יאָ, ברודערל מיינער הארציקער, ניטאָ קיין אנדער ברירע... אזוי שטייט שוין געשריבן: מיטן שווייס פון דיין געזיכט,—האָט לאָדיזשקין זיך ווייטער ערנסט פאָרגעזעצט,—כאָטש צוריק גערעדט איז בא דיר, צום ביישפיל געזאָגט, ניט קיין געזיכט, נאָר אַ מאָרדע, אָבער דאָך, פונדעסטוועגן... נו, אוועקגעגאַנגען זאָל ווערן, אוועקגעגאַנגען, פאָרויס, ניטאָ דאָ וואס זיך צו פלאָנטען אונטער די פיס... און איך, העריאָזשקע, דיר דעם עמעס זאָגנדיק—האָב דאווקע ליב, ווען ס'איז אַזאַ ליבע וואַרעם. אָט אָ דער אָרגל נאָר שטערט, און אזוי, ווען ניט די אַרבעט, וואָלט איך זיך אוועקגעלייגט אָט דאָ, וואו סע ניט איז אפן גראָז אין אַ שאָטן מיטן פוז, הייסט עס, ארויף און לייג זיך אויס. פאַר אונזערע אלטע ביינער איז זי, אָט די אייגענע זון טאַקע—אייינט אין דער וועלט.

דאָס שטעגעלע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אראָפּ און זיך פארייניקט מיט דעם ברייטן, ווי שטיין הארטן און בלענד-ווייסן וועג. דא האָט זיך אָנגעהויבן אן אלטער גראפישער פּאַרק, וואו ס'זיינען אין געדיכטן גרינס געווען צעזייט שיינע זומער-וואוינונגען, בלומען-הייזער, אראנזשערייעס און פאנטאנען. לאָדיזשקינען זיינען

אָס די ערשטע געווען גענוג באקאנט; יעדער יאָר איז ער אין דער צייט אויסגעגאנגען אַלע ווינקעלעך דאָ, אינם גאָלדענעם סעזאָן פון די ווייַנטרויבן, בעשאַס גאַנץ קרים ווערט באזייט אין דער צייט מיט אַן אויסגעפּוצטן, רייכן און פריילעכן אוילעם.

די בלענדנדיקע פּראַכט פון דער דאָרעמדיקער נאַטור האָט דעם אַלטן שוין ווייניק וואס אָנגערירט, אָבער דערפאַר האָט זי זיך איינגאַנצן ארופגעוואָרפן אויפן קליינעם סערגייען, וועלכער איז דאָ צום ערשטן מאָל. די מאַנגאָליעס מיט זייערע גלאַנצנדיקע אָפּגעלאַ־קירטע בלעטער און מיט די ווייסע, אזוי ווי די טעלער איינדער־גרייס בליטן; די ביידלעך די ארומגעוואקסענע ארום און ארום מיט ווייַנטרויבן, פון וועלכע סע הייַנגען אראָפּ די שווערע הייַנגלעך; די ריזיקע פּיל-דוירעסדיקע פלאַטאַנען מיט זייער ליכטיקער קאָרע און קרעפטיקע קעפּ-שפּיצן; די טוטין-פלאַנטאַציעס. די-טייכלעך און די וואַסער-פאַלן; און אומעטום—אויף די קלומבעס, אויף די פּלויטן און אויף די ווענט פון די זומער-וואוינונגען בלישטשען גרויסאַרטיקע שמעקעדיקע רויזן,—אָט דאָס אַלץ האָט שרעקלעך געווירקט טאַקע מיט דער פריש-צאַפּלדיקער בליענדיקער פרייד אויפן אינגל. ער האָט זיין אנטציקונג אַלעמאָל ארויסגעזאָגט אין דער הויך, אַלע ווײַלע שלעפּנדיק דעם אַלטן פאַרן אַרבל.

— זיידעשי לאָדיזשקין, האָ, זיידעשי, גיב אַקאָרשט גיכער אַ קוק: אָט-אָ אין פאַנטאַן ווייַנען גאָלדענע פישעלעך!.. זאָל איך אזוי לעבן, זיידעשי, אַז גאָלדענע, לאָמיך שוין ניט דערלעבן אוועקגיין פון אָרט,—האָט דאָס אינגל אַלץ געשריען און זיך צוגעטולעט מיטן פּאָנעם צו דער גראַטע, וועלכע האָט ארומגעצוימט אַ גאָרטן מיט אַ גרויסן באַסיין אינדערמיט. זיידעשי, זע נאָר סאַראַ פערשקעס! אָנ-אָ, וויפל! אויף איין בוים!

— גיי שוין, גיי, נאַרעלע, וואָס האסטו אזוי צעעפנט דאָס מויל!— האָט אים דער אַלטער אין אַ שפּאַס אונטערגעשטופּט,—וואַרט נאָר אויס, אָט וועלן מיר פאַרגיין קיין נאָוואָראָסיסק דער שטאָט און, הייסט עס, מירן זיך אַריינלאָזן טיפער אין דאָרעם. דאָרטן זיינען שוין ווירקלעך פאַראַן עֶרטערלעך—פאַראַן אויף וואָס אַ קוק צו טאָן.

אָ-טאָ באלד וועלן, צום ביישפּיל זאָגנדיק, אוועקגיין סאָטשי, אדלער טואַפּסע, און דערנאָך, ברודער דו מײַן, סוכום, באַטום... די אויגן וועלן בא דיר צעפּליען הערן גאר פון איין קוקן... צום ביישפּיל געָרעדס, לאָמיר זאָגן די פּאלמע. אַ כידעש אין דער וועלט! דער שטאם איז בא איר אַ האָריקער, ווי א שטיק פּילץ, און יעדער בלאַט אירער איז אַזאַ גרויסער, אז איך מיט דיר אינאיינעם וועלן מיר וועלן זיך, לעמאָשל, מיט אים צודעקן, קענען מיר זיך גאָר אין אים באהאַלטן.

— אף מיין וואָרט? — האָט זיך סערגיי פריידיק פארכידעשט.

— האַר אויס, וועסט שוין אליין זען. אַ מאַלע וואס מע קען זיך דאָרט אָנזען? דער מאראַנץ, צום ביישפּיל, אָדער כאָטש לאָמיר זאָגן אַפילע די לימינע... דו האָסט זיי אַוואַדע געזען אין קליי-טעלע, האַ?

— נו?

— פּאַשעט, אַזוי זיך. און ס׳וואַקסט אינדערלופטן. אַזוי אָן גאָרניט, גלייך אַפן בוים אַזוי, ווי בא אונז, הייסט עס, אַן עפּל, אָדער אַ באַר... און דאָס פאָלק איז דאָרט, ברודערל, אינגאַנצן אַף כידושים: טערקן, פּערסיוקן, טשערקעסן פאַרשיידענע, אַלע אין אזעלכענע קאַפּאָטעס און מיט די קינזשאלן... אַ מעסוקן פּאָלקל! און אויב ניט, באַגעגענען זיך דאָרטן, ברודערל, די עפּיאָפּן. איך האָב זיי אין באַטום אַסאַך מאָל געזען.

— עפּיאָפּן? איך ווייס, דאָס זיינען די, וואָס מיט הערנער, — זאָגט סערגיי מיט זיכערקייט.

— קיין הערנער, קען מען אַפילע זאָגן, איז בא זיי ניטאָ. דאָס איז שעקער. זיי זיינען אָבער שוואַרצע, ווי אָט דער שטיוול, און זיי גלאַנצן אַפילע. ליפּאָנעס זיינען בא זיי רויטע, גראָבאַצקע, און אויגאָנען ווייסע און האָר געקרייזלטע, ווי אַף אַ שוואַרצן שאָף-באָק, צום ביישפּיל.

— מוירעדיקע, געווים... אָט-אָ די עפּיאָפּן.

— ווי זאָל איך דיר זאָגן? פון ניט געוואוינטשאפט איז עס טאַקע פונקט... רוקסט זיך אַקאפּ אָפּ פון זיי. נו, און דערנאָך

זעסטו, אַז די איבעריקע לייסן האָבן זיך פאַר זיי ניט קיין מוירע. ווערסטו שוין אַליין אויך דרייסטער... בעקיצער, ברודערל דו מיינס, דאָרט איז דאָ יעדער פּיצעלע, אַפילו פון פויגל מילך, טאָמער ווילסטו: מיילע, מיר וועלן קומען—וועסטו שוין אַליין זען. איינס איז דאָרט נאָר שלעכט—די קאַדאָכעס. דערפאַר וואָס ארום זיינען בלאָטעס, זומפּן און דערצו אַזאַ היץ אַ היציקע. די דאָרטיקע איינוואוינער, אַז זיי ווילן, האָבן זיי זיך ניט קיין מוירע, ס׳ווירקט ניט אַף זיי. אָבער אַ פרישן אָנגעקומענער—שיינט אָפּ. בעקיצער, געזעגן אונז מיר מיט דיר, סערגיי, טעלעפּען מיט די צינגער. קריך נאָר, זיי אזוי גוט, אַהער אין הויף-טירל. אָט דאָ אַף דער דאַטשע וואוינען זייער וואוילע פריצים... דו פרעג מיך: איך ווייס שוין דאָ וואו זיך אַ קער צו טון!

אָבער אָט דער טאָג האָט זיך זיי ניט איבעריקס איינגעגעבן. פון אַנדערע ערטער האָט מען זיי דורכגעטריבן גלייך ווי מ׳האָט זיי דערזען. אין אייניקע, איז ווי מ׳האָט נאָר דערהערט די ערשטע הייזעריקע און פאַנפנדיקע קלאַנגען פון דער קאַטערינקע, אַזוי האָט מען צו זיי אָנגעהויבן ווינקען, מאַכנדיק אומגעדולדיק און פאַרדראָסיק מיט די הענט, זיי זאָלן גיכער אַוועקגיין; נאָך אין אַנדערע—האָט די דינסט געמאָלדן, אַז „די פריצים זיינען נאָך ניט אריינגעפאָרן.״ אין צוויי דאַטשעס האָט מען זיי אַפילו יאָ באַצאָלט פאַר דער פאָרשטעלונג, אָבער זייער ווינציק. כאָטש דער אַלטער האָט זיך, אייגנטלעך, ניט געוואָרפן אַפילו מיט קיין קליינע געצאָלטן. ארויסגייענדיק פון הויף אַפן וועג, האָט ער אַ קלונג געטון מיט אַ צופרידענעם אויסזען די קופּערנע קאָפּיקעס, וואָס אין קעשענע, און זאָגט זיך גוטמוטיק ארויס:

— צוויי און פינעף, האָבן מיר 7 קאָפּיקעס... ווי דען, ברודער סעריאָזשקע,—דאָס איז אויך געלט. זיבן מאָל זיבן,—אַזוי קען דיר אָנשפאַרן דער גאַנצער האַלב-קערבל, הייסט עס, אַז מיר זיינען אַלע דרייען זאַט, און אַ נאַכטלעגער וועט זיין. און דער אַלטיטשקער לאַדיזשקין וועט נאָך זאָגן אַפילו די רעכט. צוליב זיין שוואַכקייט-וועגן, אַראָפּקוועטשן אַ קויסעלע אַף פאַרטרייבן

פון זיך די ווייטיקער, הייסט עס... עך, זיי פארשטייען עס ניט, די פריצים! אַ פערציקער געבן איז אים אַ שאָד, און אַ צענער — איז אַ כאַרפּע... נו, בעסער, הייסט עס, מיר זאָלן נעמען דעם וועג. און נאָך מיר-נאָך וואָלט ער כאָטש געבן די זעקס גראָשן... איך וועל זיך דאָך ניט באַליידיקן, איך בין זיך אַזוי... צוליב וואָס באַליידיקן זיך?

ביכלאל איז דער לאַדיזשקין אַ מענטש אַ באַשיידענער, און אַפילו ווען מע האָט אים געטריבן, האָט ער אויך קיין פאריבל ניט געהאַט. אָבער היינט האָט זיך מיט אים געטראָפן אַזאַ פאַל, אַז אַפילו ער האָט ניט אויסגעהאַלטן, און ארויסגעפירט פון זיין געוויינלעכער, גוטמוטיקער רואיקייט האָט אים היינט אַ קיילעכדיקע, אַ שיינע פרוי, אַ באַזיצערן פון אַ גוטער דאַטשע אין ארומגערינגלטער מיט וויינגערטענער און מיט בלומען: זי האָט אופמערקזאם געהערט די מוזיק; נאָך אופמערקזאמער זיך איינגעקוקט אַף סערגייס אַקראָבאַטישע קונצן און אַף אַרטאָס לעכערלעכע „שטיק". דערנאָך האָט זי לאַנג און פאַמעלעכן זיך דערפרעגט באַם אינגל, וויפל ער איז אלט און ווי אַזוי מ'רופט אים, וואו האָט ער זיך אויסגעלערנט מאַכן גימנאסטיק, וואָס געהערט ער זיך אָן מיטן אַלטן, וואָס און ווער זיינען געווען זיינע עלטערן און אַזוי ווייטער; דערנאָך האָט זי „באַפוילן" צו וואַרטן און זי איז אוועק אין די צימערן.

ס'זיינען אַוועק צען מינוט און זי איז ניטאָ, א פערטל שאָ — זי איז ניטאָ און, וואָס מער די צייט האָט זיך געצויגן, אַלץ מער זיינען געוואקסן באַ די אַרטיסטן, אַפילו אומבאַשטימטע, אָבער אַזעלכע פילצוואָגנדיקע האָפענונגען. דער אַלטער האָט אַפילו אַ שושקע געטון דעם יאָס אַפן אויער, צודעקנדיק דערביי דעם מויל מיט דער דלאָניע, אזוי ווי מיט אַ זאַכלענקע:

— נו, סערגיי, — זאָגט ער, — דאָס איז אונזערער אַ שטיק מאַזל, דו פאָלג שוין מיך: איך וויים, ברודער, אַלץ קען זיין, אז פון מאַלבושים וואָס ס'ניט איז וועט זי ארויסטראָגן, אָדער פון שוכוואַרג. דאָס איז שוין אף געוויס!

קוים צום לעצטן איז די פריצטע אַרויס אַפן באַלקאָן, האָט אַ שמייך געטון פונויבן סערגייען אין דער אונטערגעשטעלטער הוט אריין עפעס אַ ווייסע מאַטבייעלע און זי איז גלייך ניט גע-בליבן. די מאַטבייע, לאָזט זיך אויס, איז געווען אַ גלאַטע פון ביידע זייטן און דערצו נאָך מיט אַ לעכל, ווייזט אויס—אַ גרי-ווינקע. דער אַלטינקער האָט זי לאַנג און אופגעבראַכט באַטראַכט. ער איז שוין געווען ארויס אַפן וועג און ווייט אָפגעגאנגען פון דער דאַטשע, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן די גריווינקע אַף דער דאָלאָניע אַזוי, ווי ער וואָלט אָפשאַצן די וואָג אירע.

— נ-יאָ-אָ... קלוג! האָט ער ענדלעך ארויסגעזאָגט און זיך פלוצים אָפגעשטעלט.—מע קען שוין זאָגן!... און מיר דריי נאַראָ-נים האָבן זיך עס אַ ביסל געפלייסט. נעכאַי וואָלט זי שוין געווען בעסער געבן אַ קנעפל, אָדער וואָס. אַפן ערגסטן אויפן קען מען אים כאָטש צונייען וואוהין ס'ניט איז. און וואָס קען איך מיט דעם שטיקל מיסט טון? די פריצטע, האָב קיין דאַיגע ניט, קלערט זיך: אַלציינס וועט זי דער אַלטער עמעצן באַנאכט ארייַנשמוגלען שטילינקערהייט, הייסט עס. ניין, האָט איר שוין אַגרויסן סאָעס, באַלעבאָסטינקע. דער אלטער לאָדיזשקין וועט זיך מיט אַזויגע שטיק ניט פארנעמען. יאָ-הם! אָט האָט איר אייך אייער דימענטענע גריווינקע! אָט!

און ער האָט מיט רויגעז און מיט שטאָלץ אַ שליידער געטון די מאַטבייע, וועלכע האָט זיך מיט אַ שוואַכן קלונג ארייַנגעזעצט און זיך באהאלטן אינם ווייסן שטויב פון וועג.

קימאט מיט דעמזעלבן מאַזל. האָבן דער אַלטער, דאָס אינגל און דער הונט געהאט שוין ארומגעגאַנגען דעם גאַנצן זומער-אי-שעזיול און זיי האָבן זיך שוין געקליבן אַראָפּלאָזן צום יאַם. אַף דער לינקער זייט איז נאָך געבליבן די לעצטע דאַטשע. מע האָט זי ניט אויסגעזען איבער דער הויכער ווייסער וואַנט, איבער וועלכער ס'האָט זיך פון יענער זייט געהויבן אַ געפאַקטע קאָמאַנדע פון דינע פארשטויבטע ציפרעסן, ענלעכע אַף לאַנגע שווארץ-גרויע שפינדלעך. און נאָר דורכן ברייטן טשוגוגענעם טויער, וועלכער

איז געווען אַזוי שיין אויסגעשניצט, אז ער איז געווען ענלעך אַף האַפּט. האָט מען געקענט באַטראַכטן אַ ווינקעלע פונם פרישן גאַזאָן, וואָס האָט אַן אויסזען פון העל גרינעם זייד; פּאַרקיילע־כיקטע בלומען־קלומבעס, און פונדעדווייטן, אַפן אונטערשטן פּלאַן — אַ געדעקטע דורך־און־דורכיקע אַלייע איגגאַנצן אַ באַפלאַכטענע מיט געדיכטע ווייַנטרויבן.

אַפן מיט גאַזאָן איז געשטאַנען דער גערטנער, וועלכער האָט באַגאָסן פון אַ לאַנגער קישקע די רויזן. ער האָט צוליב אַ קונץ פאַרשטעלט מיט א פינגער די עפענונג פון דעם טרייבל, און אַזוי אַרום האָט איגם פאָנטאַן פון די אָנצאָליקע שפּריצלקעס געשפּילט די זון מיט אַלע פארבן פונם רעגנבויגן. דער זיידעשי האָס פון דאָס ערשט זיך געווען געקליבן דורכגיין פּאַרביי. אָבער אַ קוק טוענדיק דורכן טויער, האָט ער זיך אפגעשטעלט אַ פּאַר־לאָרענער:

— וואַרט נאָר אָקאָרשט אויס אַ קאַפּ, סערגיי — האָט ער זיך אנגערופן צום אינגל. — ווי דו ווילסט זיך, סע ריען זיך דאָך דאָרטן מענטשן?! אָט האָסטו דיר אַ געשיכטע. וויפל יאָר אַז איך גיי דאָ אַרום — און קיינמאָל ניט קיין לעבעדיקן נעפעש. אַנו, ברודער סערגיי, זיי זיך נאָר מאַטריעך!

„זומער־וואוינונג „דרוזשבאַ", פּאַר זייטיקע איז דער אַריינגאַנג שטרייגג פּאַרבאָטן". אַזוי האָט סערגיי איבערגעלייענט דעם קונציק אויסגעשלאָגענעם אָנשריפט אַף איינעם פון די זיילן, וועלכע האַלטן אונטער דעם טויער.

— „דרוזשבאַ"?.. האָט דער אַנאַלפאַבעטנער אַלטינקער איבערגעפרעגט, — האָ־האָ, דאָס איז דער סאַמע ריכטיקער וואָרט — „פריינטשאַפט". אַ גאַנץ טאָג האָט אונז געשפּילט דער שלימאַזל, אָבער דאָ וועלן מיר שוין מיט דיר אָפּנעמען אונזערס. דאָס האָב איך שוין אַפילע אָנגעשמעקט מיט דער נאָז, עלעהיי — אַ הונט — אַ יעגער־הונט. אַרטאָ, שמייס, הינטישער זון איינער. האָב זיך קיין מוירע ניט, העריאָזשע, שמייס גלייך. דו מיך פרעג שטענדיק: איך וויים שוין אַלץ!

די סטעזשקעלעך אין גאָרטן זיינען געווען באַשאָטן מיט גלייכן קערנערדיקן גראַווי*), וועלכער האָט געטראָשטשעט אונטער די פיס. און פוןביידע זייטן זיינען זיי געווען אַרומגעשטעלט מיט גרויסע ראָזאָווע מויער-קעפּלעך. אַף די קלומבעס איבער דעם בונטן טעפּיך פון פאַרשיידנפאַרביקע גראָזן, האָבן זיך געהויבן זעלטענע כידעשדיקע פלאַמענדיקע בלומען, פון וועלכע די לופט האָט אַזוי זיס געשמעקט. אין די פאָנטאַנען האָט דורכזיכטיקע וואַסער געמורמלט און זיך געפּליושקעט; פון די שיינע וואַזעס, וועלכע זיינען געהאנגען אינדערלופטן צווישן די ביימער, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן שליינגלענדיקע געוויקסן, און פאַרן הויז זיינען אַף מאַרמאָרנע זיילן געשטאַנען צוויי גלאַנצנדיקע שפּיגל-קוילן. וואו אונזער וואַנדערטרופּע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט מיט די פיס אַרויף אין זייער אַ לעכערלעכן אויסגעבויגענעם און צעצויגענעם אויסזען.

פאַרן גאַנעקל האָט זיך געפונען אַ היפּשער איינגעטראָטענער פלאַך-שטיק. סערגיי האָט אָט דאָ טאַקע אויסגעשפּרייט זיין טעפּיכל און דער זיידע האָט איינגעשטעלט זיין קאַטערינקע אַפן שטעקן. ~~ער האָט~~ זיך שוין צוגעגרייט נעמען דרייען דאָס הענטל, אָבער פּלוצים האָט צוגעצויגן זייער אויפמערקזאַמקייט עפּעס פון אַן אומדערוואַרטער און מאָדנער סצענע.

אַפן טעראַסע איז פון די אינווייניקסטע צימערן ווי אַ באָמבע אַרויסגעשפּרונגען מיט ווילדע קוויטשערייען אַ יאַטל פון אַ יאָר 8 אָדער צען. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ גרינגן מאַטראָסן גאַרניטערל, מיט נאַקעטע הענט און הוילע קניעס. די העל-בלאָנדע הערלעך, אַלע אין גרויסע לאָקאָנעס פאַרדרייט, האָבן זיך באַ אים צעוואָרפן איבער די אַקסלען אין אַ מאָדנער אומאָרדענונג. גלייך נאָכן יאַטל זיינען פיס-טריט אַרומגעלאָפן נאָך זעקס מאַן: צוויי פרויען אין פאַרטעכער; אַן אַלטער גראָבער לאַקיי אין אַ פּראַק, אָן וואָנצעס און אָן אַ באָרד, נאָר מיט לאַנגע גרויע באַקנבאַרדן; אַ

*) זאמד

טרוקן-וואוקסיקע, רויטע מויד מיט אַ רויטער נאָז און אין אַ בלויען קעסטלדיקן קלייד; אַ יונגע מיט אַ קריינקלעכן אויסזען אַביטל, אָבער זייער אַ שיינע מאַדאַם אין אַ העל-בלויען כאַלאַט פון ריינעם האַפּט און, צום סאָף, אַ גראָבער הער מיט אַ פּליך אין אַ טשעסונטשא-אָנצוג און מיט גאָלדענע ברילן. אָט דער גאַנצער אוילעם איז געווען שטאַרק אופגערודערט. זיי האָבן געמאַכט מיט די הענט, האָבן הויך גערעדט און אַפילע געשטופּט זיך איינער דעם אַנדערן. גלייך פון דער ערשטער רעגע האָט מען זיך געקענט אָנשטויסן, אַז די איינציקע סיבע פון זייער אומרואיקייט דאָס איז דער יאַט אינם מאַטראָסן-גאַרגיטערל, וועלכער איז אַזוי אום-געלומפּערט אַרויסגעפלויגן אַף דער טעראַסע.

אַגעוו האָט דער העלד פון אָט דער בעהאָלע אַף קיין איין רעגע ניט אופגעהערט קוויטשען. ער האָט זיך אין פולן לויף אַ שמייס געטון מיטן בליק אַפן שטיינערנעם דיל, האָט זיך געשווינד איבערגעקייקלט אַפן רוקן און, ניט הערנדיק גאָרניט און קיינעם אין דער וועלט, האָט ער מיט גרויסן פלייס גענומען וואַרפן מיט די הענט און מיט די פיס אין אַלע זייטן. די דערוואקסענע האָבן זיך געכאַפּט אַרום אים דרייען. דער לאַקיי אינם פראַק האָט מיט אַ בעטנדיקן אויסזען צוגעדריקט ביידע הענט צו דער אָנגעקראַכ-מאַלעטער העמד, האָט געטרייסלט מיט זיינע לאַנגע באַקנבאַרדן און האָט ראַכמאָנעסדיק זיך אָנגעשלאָגן:

— פּאַטערל, פּאָרעץ!.. ניקאָלאַי אַפּאָלאָנאָוויטש!.. ניט ערלויבט אָנטון קיין יעסורים אייער מאַמעלעס—שטייט אוף... זייט אַף אַזויפיל גוט און פאַרזוכט...— די מיקסטורקע*) איז דאָך זייער אַ זיסינקע, הוילער סיראָפּ,—פאַרלאַנגט, ביטע, זיך אופצוהייבן...

די פרויען אין די פאַרטעכער האָבן פאַרבראָכן מיט די הענט און האָבן גיכינקערהייט געפּישטשעט מיט גאָטספאָרכטיקע און דערשראָקענע שטימען. די רויט-נאָזיקע פרוי האָט געשריען זייער רירנדיק, אָבער גאָרניט קיין פאַרשטאַנדיקע רייד, ווייזט אויס אַף אַן אויסלענדישער שפּראַך. און די שיינע קריינקלעכע מאַדאַם האָט

---

*) א רעצעפּט, רעפּוע,

פאַרמאַטערט געזויפּצט, צודריקנדיק דערביי דאָס דינע האַפּטענע טיכעלע צו די אויגן.

— אַך, טוילי, אַך, גאָט מיינער!.. מאַלעכל מיינער, איך בעט דיך. פאָלג-זשע, זע, די מאַמע בעט זיך בא דיר. נו, נעם שוין איין, נעם איין דעם רעצעפּט; דו וועסט שוין זען, דיר וועט גלייך אַפּן אָרט ווערן גרינגער: אי דאָס בייכעלע וועט דיר דורכגיין, אי דאָס קעפּעלע. נו, טו שוין דאָס צוליב מיר, כאַיעסל מיינס! נו, דו ווילסט, טרילי? די מאַמע, וועט זיך פאַר דיר שטעלן אַף די קני? נו אָט, קוק, איך שטיי פאַר דיר אַף די קני. דו ווילסט איך וועל דיר שיינקען אַ גאָלדן רענדל? צוויי רענדלעך? פינף רענדלעך, טרילי? דו פאַרלאַנגסט אַ לעבעדיקן, אַן עמעסן אייזעלע? אַ לעבעדיקן פערדעלע עפּשער ווילסטו?.. אָבער איך בעט אייך, זאָגט אים נאָך וואָס ס׳גיט איז, דאָקטער:

— הערט אויס, טרילי, זיים-זשע אַ מאַנספּאַרשוין, האָט געגומען הודען דער גראָבער הער אין די ברילן.

— אַי-יאַי-יאַי-יאַ-אַ-אַ-אַ-אַ! האָט דאָס יאַטל זיך געריסן, געדרייט זיך ווי אַ שליינגל איבער דער טעראַסע און מעשוגענערווייס געדריגעט מיט די פיס.

ניט געקוקט אַף זיין אומגעהייערער אופגערעגטקייט האָט ער דאָך זיך געצילט טרעפן עמעצן מיט די אַפּטשאַסן אין בויך אַריין צי אין די פיס, טאַקע אָט דיזעלבע לייט, וועלכע דרייען זיך דאָ איצט אַרום אים.

סערגיי, וועלכער האָט לאַנג נייגעריק און פאַרוואונדערט אַכטונג געגעבן אַף אָט דעם בילד, האָט שטיל אַ שטורכע געטון דעם אַלטן אין זייט.

— ויידעשי לאָדיזשקין, וואָס-זשע קומט עס דאָ מיט זיי פאָר אַזעלכס?—האָט ער אינדערשטיל אַ פרעג געטון,—צו דען-זשע קלייבט מען זיך אים טאַקע אַף דערעמעס אויסשמייסן.

נו, אָט האסטו דיר. ווער רעדט עס פון שמייסן? אַזאַ יאַט וועט אַליין אויסשמייסן וועמען דו ווילסט אין דער וועלט. פּאָשעט אַ צופּעסטעט יאַטל. קער זיין אַ קראַנקער.

— אַ שימאַשעדשער?—האָט זיך סערגיי אָנגעשטויסן.

— און איך, מיינסטו, ווייס?! שטילער!..

— אַי-יאַי-אַ-אַ! טיפשים! קאָלבוּויניקעס!—האָט דאָס יאַטל זיך געריסן וואָס אַמאָל העכער.

— הייב אָן, סערגיי. איך ווייס! האָט זיך דער אַלטער לאָ-דיזשקין פּלוצים צורעכט געמאַכט, און מיט אַ באַשלאָסענעם אויס-זען גענומען דרייען דאָס הענטל פון דער קאַטערינקע.

איבערן גאָרטן האָבן זיך צעטראָגן פּאָנפּענדיקע, הייזעריקע און פאַלשע קלאַנגען פונם פאַרעלטערטן גאַלאָפּ. אַפן גאַנעק האָבן זיך אַלע פּלוצים אופגעכאַפּט. אַפילע דאָס יאַטל איז אנטשוויגן געוואָרן אַף עטלעכע רעגעס.

— אַך, מיין גאָט. זיי וועלן נאָך ערגער צערודערן דעם אָרעמען טרילי! — האָט די מאַדאַם אינם העל-בלויען כאַלאַט אויסגערופן מיט אַ ווייגענדיקער שטים. — אַך, טרייבט-זשע זיי עמעצער דורך, גיכער טרייבט זיי דורך! און דער שמוציקער הונט נאָך. וואָס מיט זיי. באַ הינט זיינען שטענדיק אַזעטיקע שרעקלעכע קריינק. איוואַן, וואָס-זשע שטייט איר דאָרט אַזוי ווי דער גוילעם?

זי האָט מיט אַ מידן אויסזען און מיט עקל אַ מאַך געטון מיטן טיכעלע אַף די אַרטיסטן; די טרוקן-וואוקסיקע, רויט-נאָזיקע מויד האָט אנגעשטעלט אַזעלכע מאָדנע אויגן. עמעצער האָט דראָענדיק זיך צעזשוזשעט... דער פאַרשוין אינם פראַק האָט פלינק און ווייך זיך אַראָפּגעקייקלט פונם באַלקאָן און מיט אַן אויס-דרוק פון שרעק אָפן פּאָנעם איז ער צוגעלאָפן צום קאַטערינשטשיק מיט ברייטע צערפּעטע הענט איןביידע זייטן.

— וואָס איז עס פאַר אַ האָזע אַביסל! — האָט ער אנגעהויבן מיט אַן אופגעדריקטער, דערשראָקענער און אין דערזעלבער צייט באַפוילנדיקער שפּראַך, — ווער האָט ערלויבט? ווער האָט דורכ-געלאָזן? מאַרש פונדאַנען! גיך!

די קאַטערינקע האָט נאָך איינמאָל אומעטיק אַ פּישטשע געטון און אנטשוויגן געוואָרן.

— איידעלער הער, —האָט דער אלטינקער פיין אנגעהויבן, — ערלויבט מיר אייך דערקלערן...

— קיינע מאיסעס! וואָן פונדאַנען — האָט זיך צעשריען דער פאַרשוין אינם פראַק, שוין אַוש מיט אַ פייף פון האַלז אַרויס.

זיין גראָבע געזיכט איז מיטאַמאָל געוואָרן רויט, און די אויגן האָבן זיך אומגעוויינלעך ברייט צעעפנט, פונקט ווי זיי וואָלטן אים אַרויסגעקראָכן אַף אַרויס און זיך גענומען דרייען אין אַ רינג. דאָס איז געווען אַף אַזויפיל שרעקלעך, אַז דער זיידינקע האָט נים ווילנדיק אָפּגעטראָטן אַף צוויי טריט צוריק.

— פאַרנעם זיך, סערגיי, — זאָגט ער אונטערוואַרפנדיק אינדער־גיך די קאַטערינקע אַפן רוקן. — לאָמיר גיין!

אָבער זיי האָבן נים באַוויזן אָפּגיין קיין צען טריט, ווי ס׳האבן זיך פון טעראַסע דערהערט נייע פאַרטויבנדיקע געשרייען:

— אַי־יאַי־יאַי! מיר! איך ווי־איל! אַ־אַי! גי־איבי! רופן צוריק! מיר!

— אָבער, טרילי!.. אַך, מיין גאָט, טרילי! אַך, אָבער קערט זיי שוין אום! האָט די נערוועזע מאַדאַם זיך צעזיפּצט. — פע ווי אַזוי קיינער ווייסט דאָ נים גאָרנים פונדאַנען אַהין!.. איוואַן, איר הערט, וואָס מע רעדט צו אייך? שוין רופט צוריק די בעטלער!

— הערט אויס! איר! עי, ווי מע רופט אייך דאָרט? קאַטע־רינשטשיקעס! קערט זיך אום! — האָבן אנגעהויבן שרייען פון באַל־קאָן עטלעכע שטימען מיטאַמאָל.

דער גראָבער לאַקיי מיט די צעפלויגענע באַקענבאַרדן איןביידע זייטן איז אונטערגעשפרונגען, ווי אַ גרויסע גומענע פילקע, און זיך געלאָזן קייקלען נאָך די אַוועקגייענדיקע אַרטיסטן.

— צצצ!.. קלעזמער! הערט נאָר אויס. צוריק!.. — האָט ער געשריען אַ פאַרסאַפּעטער און געמאַכט מיט ביידע הענט. — געשעצטער זיידע, — האָט ער קוים אנגעכאַפּט דעם אַלטינקן פאַרן אַרבל: — פאַרקערעוועט. די פור. די הערן ווילן קוקן אַף אייער פאַנטאָמימע, לעבעדיק!

נ־נו, געשעפטן, — האָט דער אַלטינקער אַ זיפץ געטון, דרייענדיק דערביי מיטן קאָפּ. דאָך איז ער אָנגעגאַנגען צום גאַנעק, האָט

אַראָפּגענומען די קאַטערינקע, זי צוגעפּעסטיקט פּאַר זיך אַפן שטעקן און גענומען שפּילן דעם ג׳ילאָפּ פונקט פון דעמזעלבן אָרט וואו מ׳האָט אים פריער מיט אַ רעגע איבערגעשלאָגן.

די בעהאָלע אַף דער טעראַסע איז איינגעשטילט געוואָרן. די פריצע מיטן אינגעלע און דער העד אין די גאָלדענע ברילן זיינען צוגעגאַנגען ביז די סאַמע פּאַרענטשעס; די איבעריקע האָבן זיך בעקאָוועדיק אָפּגעשטעלט אַף זייערע ערטער אַפן אונטערשטען פלאַן. פון ז׳ער טיף פון סאָד איז אנגעקומען דער גערטנער אינם פאַרטעך און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ניט ווייט פונם זיידן. דער הויפער, וועלכער האָט זיך אַראָפּגעוויזן פון כ׳ווייס-וואו, האָט זיך איינגעמאָסטעט אונטער דעם גערטנער. דאָס איז געווען אַ ריזיקער, באַוואָקסענער מאַן, מיט אַן אָנגערויגעזטן שמאָל-שטערנדיקן און געשטופּלטן פּאָנעם. ער איז געגאַנגען אין אַ נייער ראָזאָווער העמדל מיט שוואַרצע אייגלעך אין אלאכסנדיקע שורעס.

אונטער די הייזעריקע, שטאַמלענדיקע קלאַנגען פונם גאַלאָפּ האָט סערגיי פּאַנאַנדערגעשפּרייט זיין טעפּיכל אַף דער ערד. אינ-דערגיך אַראָפּגעוואָרפן פון די פיס די פּאָרעסינענע הייזלעך. זיי זיינען באַ אים געווען אופּגענייט פון אַן אַלטן זאַק, און פונונטן, אַפן סאַמע ברייטסטן אָרט, זיינען זיי געווען צוגעפּוצט מיט אַ גרויסן פּירעקעכיקן פאַבריק-שטאַמפּ. ער האָט נאָך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס אַלטע לייבעלע און איז געבליבן אין אַן אַלטינקן בייוולענעם טריקאָ. און כאָטש אַפן טריקאָ זיינען שוין געווען אַן אייגנס מיט לאַטעס, דאָך האָט זי פיין איינגעצויגן זיין דינע, אָבער אין דערזעלבער צייט שטאַרקע און בייגעוודיקע פיגור. וועלנדיק נאָכמאַכן די גרויסע, האָט ער שוין באַ זיך אויסגעאַרבעט שטיק פון אַ נישקאָשעדיקן אַקראָבאַט. אַרופלויפנדיק אַפן טעפּיכל, האָט ער אינמיטן גאַנג צוגעלייגט די הענט צו די ליפּן און דער-נאָך מיט אַ האַרכאָוועדיקער טעאַטראַלער באַוועגונג זיי צעוואָרפן אַף די זייטן, דאָס זאָל הייסן, אַז ער שיקט דעם פּובליקום צוויי גיך-שווינדלדיקע לופט-קושן.

דער אַלטינקער האָט מיט איין האַנט אָן אופהער געדרייט דאָס הענטל פון דער קאַטערינקע, ארויסציענדיק דערביי פון איר אַ צעבראָכענעם, צעשטאָכענעם הוסטנדיקן ניגון, און מיט דער צווייטער האָט ער געוואָרפן צום יאַט פאַרשיידענע זאַכן, וועלכע יענער האָט זייער קונציק אופגעכאַפּט פון דער לופט. דער רעפּערטואַר באַ סערגייען איז אפילע געווען נים זייער קיין רייכער, אָבער געאַרבעט האָט ער פיין, „ריין". ווי די אַקראָבאַטן האָבן זיך ליב אויסצודריקן, און מיט גרויס כיישעק. ער האָט אונטערגעוואָרפן אין דער לופט אַ ליידיקע ביר-פלאַש, אַזוי אַז יענע האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעקערט אין דער לופט, און פלוצים אונטערגעכאַפּט זי פאַרן העלזל אַפן ברעג פון אַ טעלער, עטלעכע רעגעס האַלט ער זי אין אַ גלייכגעוויכט און זשאָנגלירט דערוויל מיט פיר ביינערנע קוילן און אויך מיט צוויי ליכט, וועלכע ער האָט איינצייטיק אופגעכאַפּט אין די לייכטער אַריין; דערנאָך שפּילט ער מיט דריי באַזונדערע זאַכן מיטאַמאָל—מיט אַ פאָכער, אַ הילצערנעם ציגאַר און אַ רעגן-שירם—אַלע פליען זיי באַ אים אין דער לופטן, און פלוצים דערזעט איר ביי אים מיטאַמאָל דעם שירם איבערן קאָפּ, דעם ציגאַר אין מויל און מיטן פאָכער פאָכעט ער זיך קאָקעטיש דעם פּאָנעם. צום לעצטן האָט סערגיי אַליין זיך איבערגעקוליעט עטלעכע מאָל איבערן טעפּיכל, געמאַכט אַ „זשאַבע", באַוויזן „אַן מעריקאַנער קנופּ" און איז אַביסל ארומגעגאַנגען אף די הענט. אויסגעבנדיק זיין גאַנצן ביסל גוטס, האָט ער ווייטער אַוועקגעטון צום פּובליקום צוויי קושן און איז שווער אָטעמענדיק צו צום אַלטן אף פאַרבייטן אים באַ דער קאַטערינקע.

איצטער איז געקומען די ריי צו אַרטאָן. דער קעלעוו האָט עס שוין גוט געוואוסט. און ער איז שוין ארומגעשפּרונגען אַן אופגערעגטער מיט אלע פיר אַפּן אַלטן, בעאיים יענער איז מיט אַ זייטל געקראָכן פון דעם רימען, וואָס אַף דער קאַטערינקע. ער איז ארומגעשפּרונגען און נערוועז געבולן. גיי זיי אַ נאָווי און טרעף! עפּשער האָט דער קלוגער פודעל געוואָלט מיט דעם וואָרענען, אז נאָך זיין מיינונג נאָך איז עס אַן אומגעלומפּערטע

נאַרישקייט זיך פאַרנעמען מיט אַקראָבאַטישע איבונגען דענסטמאָל, ווען רעאָמיור *) ווייזט 32 גראַד אין שאָטן? אָבער דער זיידע-שי לאַדיזשקין האָט מיט אַ קלוגיטשקן אויסזען ארויסגעשלעפט פון יענער זייט פּלייצע אַ דינינק בייטשעלע. —„איך האָב אָבער געוואוסט, אַז אזוי וועט שוין זיין!"—האָט ארטאָ דאָס לעצטע מאָל אַ ביל געטון מיט פאַרדראָס און האָט פויל און עטוואָס אומ-געטריי זיך אופגעהויבן אַף די הינטערשטע פיס, ניט אַראָפּנעמענדיק זיינע פינטלענדיקע בליקן פון זיין באַלעבאָס.

— דינען, אַרמאָ! אַזוי, אַזוי, אַזוי...—האָט דער אַלטער זיך געשאַפן, האַלטנדיק איבערן פּודעלס קאָפּ זיין שטעקעלע,—קער זיך איבער. אזוי, קער זיך איבער... נאָך, נאָך, טאַנץ, הינטעלע טאַנץ!.. זעץ דיך; וואָ-אָס? דו ווילסט ניט? זעץ דיך, הייסט מען דיר. אַ-אַ... יאָ-יאָ. געדיינק! איצטער גריס זיך מיטן הויכגע-שעצטן פּובליקום. נו! אַרטאָ!—האָט לאַדיזשקין אופגעהויבן אַ העכערן קאָל.

„האַוו"—האָט דער פּודעל אַ ביל געטון מיט עקל. דערנאָך האָט ער ראַכמאָנעסדיק—פינטלענדיק מיט די אויגן אַקוק געטון אַפן באַלעבאָס און האָט צוגעגעבן נאָך צוויי מאָל: „האַוו! האַוו!".

און אין דעם אומצופרידענעם ביל האָט מען געקענט הערן:

— ניין, ער פאַרשטייט מיך ניט מיין אַלטינקער. אָבער גאָרניט.

— נו, יאָ, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. איידלקייט—איבער אַלעס. נו, און איצט לאָמיר אַ קאַפּעלע אַ שפּרונג טון.—האָט דער אַלטער פאַרגעזונצט, שלעפּנדיק דאָס בייטשל ניט הויך איבער דער ערד.—אַלאָ! ניטאָ, ניטאָ וואָס, ברודערל, מיר דעם צונג ארויס-שטעקן. אַלאָ... האָפּ! וואויל. איצט אַקאָרשט נאָך אַ מאָל „נאָך איין מאָל" אַלאָ!.. האָפּ! אַלאָ! האָפּ! אויסגעצייכנט, קעלעוול. מירן קומען אהיים באַקומסטו באַ מיר אַ מייערל. און דו קיין מייער-לעך עסט דאָך ניט? אַ, איך האָב זיך גאָר פאַרגעסן: טאָ נעם-זשע, אויב אזוי, מיין טשעלענדרע און טו אַ בעט באַ די הערן, עפּשער וועלן זיי דיך באַרעכענען, און מיט געשמאַקע זאַכן דיך אַ קעכל טון.

*) טערמאָמעטער

דער אַלטער האָט אופגעהויבן דעם הונט אַף די הינטערשטע פיס און האָט אים אריינגעשטעקט אין מויל אריין זיין פאַרשמאָל-צעוועטע היטל, וועלכן ער האָט מיט אַזאַ איידעלן שפּאַס אָנגערופן „משעלענדרע". האַלטנדיק דאָס היטל אין די ציין, און שטעלנדיק געפּעסטעטע טריט אונטערזעצנדיק זיך, איז אַרטאָ צוגעגאנגען צו דער טעראסע. באַ דער קריינקלעכער מאַדאַם אין די הענט האָט זיך באַוויזן אַ פּערלמוטערן טאַיסטערל. און אַלע אנוועזנדע האָבן מיטפלדיק צוגעשמייכלט.

— נו, וואָס? איך האָב דיר פריער ניט געזאָגט?—האָט דער אַלטער זיך אָנגעבויגן צו טערגייען און צו אים שטיפעריש אַ שושקע געטון.—דו פרעג מיך: איך, ברודערל, אויב איך ווייס, ווייס איך שוין אַלץ. בעשומויפן ניט ווינציקער פון קיין קערבל.

אין דער רעגע האָט זיך פון דער טעראסע דערהערט אַ משוגענער—שניידיקער, קימאט אומענטשלעכער געשריי, אַז דער דערשראָקענער אַרטאָ האָט איינגעלאָזן דאָס היטל פון מויל און, אונטערשפרינגענדיק אַף אַלע פיר און אַלע ווײַלע אומקוקנדיק זיך אַף צוריק, האָט ער מיט אַן אונטערגענומענעם עק זיך אַ לאָז געטון צו זיין באַלעבאָס פיס.

— איך ווי-או-איל—האָט דאָס קוטשעראַווע אינגל געטופּעט מיט די פיס און זיך פאַרגאנגען.—מיר! איך וויל! דעם הו-או-אונט! טרילי וויל דעם הו-אַ-הו-אַ הו-אינט!..

— אַך, מיין גאָט!

— אַך, ניקאָלאַי אַפּאָלאָנאָוויטש!..

— פּאַטערל-פּאַרעק!..

— באַרואיק דיך טרילי, איך בעט זיך באַ דיר!—האָט זיך ווײַטער צערודערט דער אוילעם אַפן באַלקאָן.

— דעם הונט! דערלאַנג אַהער דעם הונט! איך וויל! נישטן, שיידים, טיפשים!—איז דאָס יאַטל אַרויס פון די קיילים.

— אָבער, מאַלעכל מיינס, רעג דיך ניט אוף—האָט זיך צע-שטשעבעטשעט לעם אים די דאַמע אינם העל-בלויען כאַלאַט.—דו ווילסט אַ גלעט געבן דאָס הינטעלע? נו, וואויל, כאַיעסל

מײנס. אָט שוין. דאָקטער, ווי רעכנט איר, טרילי מעג אַ גלעט געבן אָט דעם הונט?

— ארויסגײענדיק פון דעם אַלגעמײנעם שטאַנדפּונקט וואָלט איך עס ניט געראַטן, — האָט יענער צענומען די הענט. — נאָר אויב מע זאָל אים גוט אָפּדעזינפעקצירן מיט באָרזויער, לעמאָשל. אויב ניט איז מיט צעפּירטן קאַרבאָל, אי־איז... — ביכלאָל...

— דעם הו־או — או־נט!

— שוין, כאַיעסל מײנס, שוין. איז אויב אזוי, דאָקטער, וועלן מיר אים הײסן אויסוואַשן מיט באָרנע און דערנאָכדעם... אָבער, טרילי, רעג דיך ניט מײן קינד! אַלטער, פּירט, ביטע, צו אהער אײער הונט. האָט ניט קײן מורא, מע וועט אײך באַצאָלן. הערט נאָר אויס. ער איז באַ אײך ניט קײן קראַנקער? דאָס וויל איך פרעגן צי ער איז ניט קײן משוגענער?

— איך דאַרף ניט אַ גלעט געבן, איך וויל ניט! — האָט טרילי געברילט, לאָזנדיק דערבײ בולבעס פון גאָז און פון מויל. — איך וויל אַף אײביק! טיפּשים! שײדים! אינגאַנצן מיר וויל איך! אַלײן וועל איך שפּילן... אף אײביק!

— הערט נאָר אויס, זײדע, קומט נאָר אַהער, — האָט זיך די פּריצע געפּרואווט איבערשרײען דעם יאַטל, — אַך, טרילי, דו וועסט אַוועקוילן דײַן מאַמע מיט דײַנע געשרײען אַלײן. און צו וואָס האָט מען עס אַהער ארײַנגעלאָזן אָט די־קלעזמער! אָבער גײט שוין צו אַביסל נעענטער, נאָך נעענטער... נאָך, זאָגט מען אײך!.. אָט אזוי... אַך טרילי, אָבער עס זיך שוין ניט אָפּ דאָס האַרץ, די מאַמע וועט דיר טון אַלץ, וואָס דיר ווילט זיך. איך בעט זיך באַ דיר. מיס, באַרואיקט שוין דאָס קינד... דאָקטער, איך בעט אײך... וויפל־זשע ווילסטו. אלטער, זאָג שוין?

דער זײדעשי האָט אראָפּגענומען דאָס היטל. זײן פּאָנעם האָט באַקומען אַן אַנשטענדיק־ראַכמאָנעסדיקן אויסדרוק.

— וויפל אײער גוטן האַרץ וועט פאַרטראָגן, אײער הויכגע־בורט, כאַשעווע פּריצטע... מיר זײנען מענטשעלעך קלײנע, מיר

געמען אָן יעדער פרייז פאַר גוט... ס'מינאַסטאַם אַליין ניט וועלן באַליידיקן קיין אלטן מאַן...

— אָך, ווי אַזוי איר זיינט עס אינגאַנצן אָן אַ זינען! טרילי, דו וועסט זיך נאָך פאַטערן דעם האַלז. וואָס פאַרשטייט איר דאָ אַליין ניט. דער הונט אין דאָך אייערער, ניט מיינער. נו, וויפל? צען? פופצן? צוואַנציק?

—אַ-אַ-אַ! איך ווי-איל, ניט דעם הונט, דעם הונט ניט,—האָט דאָס יאַטל געקוויטשעט, שטויסנדיק דעם לאַקיי מיטן פוס אין קיילעכדיקן בויך אריין.

— דעהאינע, וואָס... אנטשולדיקט מיר, אייער הויכגעבורט,— האָט זיך שוין לאַדיזשקין פארפלאָנטערט,— איך—און אַלטער מאַן, אַ נאַרישעוואַטער... פון דער ערשטער רעגע פאַרשטיין איז מיר שווער... דערצו נאָך טויבלעך אויך אַ קאַפּ... דאָס הייסט, וואָס באַווייליקט איר צו זאָגן?.. פארן הונט?..

— אַך, מיין גאָט...—איז די מאַדאַם אופגעקאָכט געוואָרן,— ניט אַנדערש, אַז ער מאַכט זיך טאַמעוואַטע און געגוג?! אַם, דער-לאַנגט נאָר גיכער טרילין וואַסער! איך פרעג אייך ווי אַ מענטשן, פאַר וויפל ווילט איר פארקויפן אייער הונט? איר פארשטייט, אייער הונט, דעם הונט...

— דעם הונט! דעם הו-אונט!—האָט זיך דאָס יאַטל נאָך-שטאַר-קער פאַרגאַנגען.

לאַדיזשקין האָט זיך באַליידיקט און האָט אָנגעטון צוריק דעם היטל אַפן קאָפּ.

— מיט קיין הינט, פריצטע, האַנדל איך ניט.—האָט ער קאַלט און ווירדיק אָפּגעענטפערט,—און אָט דער הונט, פריצטע, שפייזט, אַזוי צו זאָגן, אונז צווייען,—דערביי ווייזט ער מיטן גרויסן פינגער איבערן אַקסל אַף סערגייען:—אונז צווייען שפייזט ער, און קליידט אונז. און דאָס איז אינגאַנצן ניט מעגלעך, אז מע זאָל אים, צום ביישפיל, דעם הונט, הייסט עס, איך ווייס? פאַרקויפן.

טרילי האָט זיך דערווייל געריסן מיט דער שניידיקייט פון א דאַמפער-פייפל. מע האָט אים דערלאַנגט א גלאָז וואַסער, נאָר ער

האָט זי א קאָדויטשע געטון גלייך דער .גוואוערנערן אין פּאָנעם אריין.

— אבער, הערט נאר אויס, אומזיניקער אלטער!... ס׳איז דאָך ניטאָ אף דער וועלט קיין זאך, וועלכע זאָל זיך ניט פארקויפן פאר קיין געלט. — האט זיך די דאמע געהיצט און האָט זיך גערריקט מיט די דאָלאָניעס די שלייפן באם קאָפּ—מיט, ווישט זיך גיכער אויס דעם פּאָנעם און דערלאנגט מיר מיין מיגרענין. עפשער באטרעפט ער דער הונט אייערער הונדערט רובל? נו, צוויי הונדערט? דריי הונדערט? אָבער ענטפערט שוין, סטויפּ! דאָקטער, אין גאָטעס ווילן, זאגט אים נאר עפּעס.

— פארנעם זיך, סערגיי — האָט דער אלטער שוין היינז א בור-טשע געטון. „סטוי-אויפ”... אַרטאָ, אהער-קום!

— ע-ע, וואַרט-נאר אויס, געשעצטער, האט דער גראָבער הער אין די גאָלדענעברילן פארצויגן מיט א באפוילנדיקן באס. דו וואָלסט זיך בעסער ניט געכיינט. מיין ליבער, אָט וואָס איך וועל דיר זאָגן. פאר דיין הונט איז צען רובל שוין אן אויסגעש-ריגענע פרייז. פארשטייט זיך מיט דיר נאָך איניינעם פאר א צו-גאָב... דו באקלער זיך נאר, אייזול איינער, וויפל מע גיט דיר דאָ!

— א גרויסן דאנק, פּאָרעק. ס׳נאָר וואָס... — לאָדיזשקין האָט קרעכצנדיק ארופגעוואָרפן די קאטערינקע אף די אקסלען, — ס׳נאר וואס דער געשעפט קען בעשומיפן ניט אויסקומען אף צו פאר-קויפן, הייסט עס. זוכט שוין זיך ״ עפשער ערגעץ אנדערש א שטיקל הינטל... פארבלייבט געזונט... סערגיי, גיי אפריער!

— און א פאַספּאָרט האָסטו? — האָט פלוצים דער דאָקטער א בייזן רעווע געטון — איך קען אייך, אזעלכע קאנאליעס!

— הויפער! סעמיאָן! — האָט די באלעבאסטע מיט א צעקרימטן פּאָנעם פאר צאָרן זיך צעשריען. — גיך גיב זיי דעם וועג פונדאַנען!

דער באַרויגעזער הויפער מיטן ראָזאָוון העמדל און מיטן בייז-ברעמיקן אויסזען האָט זיך געלאָזן צו די ארטיסטן. אַף דער טע-ראסע האָט זיך אנגעהויבן א שרעקלעכער הארמידער פון פארשיי-דענע שטימען: טרילי האָט גערעוועט, די מאמע האָט געזיפצט,

מיט גיכינקע רייד האָבן עפּעס געפּישטשעט די אם מיט דער גע־הילף־אם, מיט א געדיכטן באַס, פּונקט ווי א צעקאַסטער ווילד־בין האָט געהודעט דער דאָקטער. אבער דער אלטינקער מיט סער־גייען האָבן שוין קיין צייט ניט געהאַט זיך אומקוקן מיט וואס דאָ וועט זיך אלץ ענדיקן, האָבנדיק פאַרויס נאָך דעם פיין דער־שראָקענעם פּודעל, זיינען זיי קימאט ווי געלאָפן וואָס גיכער דער־טאַפּן דעם טויער. און פּיס־טריט נאָך זיי איז געגאַנגען דער הוי־פער. יענער האָט פאַמעלעכן הינטן ארום אונטערגעשטורכעט דעם אלטן אין דער קאַטערינקע אריין און האָט נאָך צוגערעדט:

— איר שלעפּט זיך דאָ ארום, לאָקשן צעכאַלעשטע! דאנק גאָט, אלטער קעלעוו, וואָס האָסט נאָך ניט געלייזט אין האלז און אַקן אריין. לאָמיך [illegible] זען דאָ א צווייטן מאל. אויב דו וועסט פּרואוון קומען, דערסטמאל ווייס, אז איך וועל שוין אף דיר ניט קוקן אין די ציין אריין. איכל דיך אָנרייבן פאַר דער טשאָפּ־רינע און דיך אוועקפירן צום הער וורזאדניק. שמענדריקעס!

א היפּשע צייט זיינען זיי — דער אלטער מיטן אינגל — געגאַנגען שטיל. אָבער אינמיטן־דרינען, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך דערוף צונויפגערעדט, האָבן זיי זיך אומגעקוקט איינער אפן צווייטן און זיך צעלאַכט: פון אלעם ערשטן האָט סערגיי זיך צעכיקעט און אף אים קוקנדיק האָט אויך דער אלטער, כאָטש עטוואס פאַר־שעמט, אבער זיך צעשמייכלט.

— נו, וואס, זיידעשי לאָדיזשקין? דו ווייסט אלץ, ווייסטו? — סערגייען האָט זיך אזוי געגלוסט פון דער גרינג אים א רייץ טון.

יאָ־יאָ, ברודער לעבן, — האט דער אלטער קאַטערינשטשיק א שאָקל געטון מיטן קאָפּ. — מיר האבן זיך פיין אריינגעפּאַקט ביידינקע. א גיפטיקער יאַטל פונדעסטוועגן, אָט דער יענער... ווי אזוי האט מען עס אים אזוינעם אופגעצויגן, דער וואַטל־מאכער זאָל אים נעמען! ביזטו שוין נאָר א מיוון אביסל: פינעף און צוואנציק מאן טאַנצן ארום אים די טענץ. נו, ווען אזעלכס איז שוין בא מיר אין די הענט וואָלט איך אים אונטערגעשטופּט א גרויסע פייג. דערלאַנג אהער, זאָגט ער, דעם הונט? ווי אזוי־זשע איז עס אזוי?

ס׳קען זיך דאך אים פארגלוסטן, מע זאל אים דערלאנגען די לע־וואָנע פון הימל, סאָ גיי זיי א בעריע און דערלאנג אים אָקאָרשט די לעוואנע? קום אהער. ארטאָ, קום מיין הינטוניקעלע. נו האָבן מיר עס היינט מאזל צו אזא טאָג. אף כידושים!

— וואס דארף מען דען מער,—האָט סערגיי ניט אופגעהערט קריכן אין די ביינער אריין,—מיין פריצטע האָט ארויסגעטראגן א מאלבעשל, די צווייטע האט געשיינקט א קארב. אלץ ווייסטו, זיידעשי לאָדיזשקין, נאך אף צופריער.

— און דו, ציגארן־שפיצל, וואלסט דארט אנשוויגן געוואָרן—האָט דער אלטער גוטמוטיק זיך אָפגעקריגט—ווי אזוי דו האָסט עס געכאפט פיס פארן הויפער, דו געדיינקסט? און איך האָב גע־מיינט, אז איך וועל שוין דיך גארניט דעריאגן. אן ערנסטער מאנסבל—אָט דער הויפער.

ארויסגייענדיק פון פאַרק, האָט די וואנדער טרופע זיך אראפ־געלאָזן מיט א בארג־אראָפּיק זאמדיק שטעגעלע צום יאם. דאָ האָבן די בערג זיך אפגעשטופט אביסעלע אף צוריק און האָבן געלאָזן פלאך פאר א שמאָלן פלאכן פאס, א צוגעדעקטן מיט גלייכע אָפגעטאָקטע שטיינער, אין וועלכע סע האט זיך איצטער ליב־לעך און מיט א גרינגן רויש געפליושקעט דער יאם. אף א מע־האלעך פון א פאר הונדערט קלאפטער פון ברעג האָבן זיך דעל־פינען געקוליעט אין דער וואסער, וויזנדיק דערביי אף א ווײלע זייערע פעטע קיילעכדיקע רוקנס. ווייט אפן האָריזאָנט, דארט וואו דער בלויער זייד פּנים יאם האָט זיך באזוימט מיט א טונקל בלויער סאמעטענער לענטע, זיינען אומבאוועגלעך געשטאנען גלייכע, עטוואָס באראָזטע פון דער זון, זעגלען פון די פישער־שיפלעך.

— דאָ וועלן מיר זיך שוין אויסבאָדן, זיידעשי לאָדיזשקין,—האָט סערגיי געמאָלדן, און גלייך אזוי גייענדיק האָט ער שוין באוויזן א שפרונג טון אף איין פיסל, דערנאך אפן צווייטן, און האָט שוין ארומגעטאַנצט אָן הויזלעך.—לאָז, וועל איך דיר העלפן אראָפּנעמען דעם אָרגל.

ער האָט זיך אײַנדערגיך אויסגעטון, זיך הילכיק אַ פּלעסקע געטון מיט די דאָלאָניעס איבערן הוילן, ווי שאָקאָלאַד פֿאַרברוינסן, לײַב און אַרײַנגעשפּרונגען אין וואַסער אַרײַן, אופֿהייבנדיק אַרום זיך בערגלעך פֿון קאָכנדיקן שוים.

דער אלטינקער האָט זיך אויסגעטון ניט געאײַלט. צו-שטעלנדיק די דאָלאָניע צו די אויגן אנקעגן דער זון, האָט ער זיך צוזשמורעט און מיט אַ ליבן געלעכטערל געקוקט אויף סערגייען.

„סע וואַקסט זיך נישקאָשעדיק פֿון אַ יאַטל,—קלערט לאָדיזשקין צו זיך אַליין:—נישקאָשע וואָס סע איז דאַר. אָן-אָ זעען זיך אויס אַלע ביינער, אָבער פֿונדעסטוועגן וועט פֿון אים אַרויס אַ שטייפֿער יאַט“.

— עי, סערדיאָזשקע! דו פֿאַרשווים נאָר ניט שטאַרק ווייט. אַ יאַם-כאַזער וועט דיך אָנכאַפּן פֿאַר אַ פּיסל און וועט אַוועק-שלעפּן צו זיך.

— און איך וועל אים אָנכאַפּן פֿאַרן עק! — האָט סערגיי פֿונ-ווייטן אויסגעשריען.

דער זיידעשי איז לאַנג געשטאַנען אויף דער זון, זיך געהאַלטן מיט די הענט אונטער די פּאַכוועס. אין וואַסער איז ער אַרײַן זייער פֿאָרזיכטיק. און אײדער ער האָט זיך אָפּגעטוקט, האָט ער זיך פֿריער פֿלײַסיק געגנעצט דעם פֿליכעוואַטן שטערן און די אײַנ-געפֿאַלענע זייטן. דאָס לײַב איז בײַ אים געווען אַ געלע, אַן אָפּגע-וועלקטע און אַן אָפּגעשוואַכטע. די פֿיס אַזוינע דינע-דינע און דער רוקן מיט די אַרויסשטאַרצנדיקע שאַרפֿע לאָפּעטקעס איז געווען אײַנגעהויקערט פֿונם אייביקן שלעפּן-זיך מיט דער קאַטערינקע.

— זיידעשי לאָדיזשקין, אַנ... קוק! האָט סערגיי אויסגע-שריען.

און ער האָט זיך איבערגעקוליעט אין דער וואַסער, פֿאַר-וואַרפֿנדיק די פֿיס איבערן קאָפּ. דער זיידעשי, וועלכער איז שוין אַרײַן אין וואַסער ביזן גאַרטל, האָט אומרואיק אָנגעשריען:

— נו, און דו שטיף דאָרטן ווינציקער, כאַזערל קליינס. געדיינק? איכל ד-דיך!

אַרטאָ האָט אָן אַ שיר יִעבּילן און אַרומגעשפּרונגען איבּערן בּרעג. ער איז אויך ניט געווען רואיק, וואָס דאָס אינגל איז אַזוי ווייט אַוועקגעשוואומען. „צו וואָרט איז דאָס ווייזן אַזויפיל קונצן? — האָט זיך דער פּודעל געערגערט. —פאַראַן אַ געזונטע, אַן אייזערנע ערד—סאָ גיי זיך איבּער איר אַרום. סע איז אַסאַך זיכערער".

ער איז שוין אויך געווען אַריינגעקראָכן בּיזן בּויך אין וואַסער אַריין און האָט זי צוויי-דריי מאָל אַ לעק געטון מיטן צונג. אָבּער די געזאַלצענע וואַסער האָט בּאַ אים ניט אויסגענומען, און די גרינגע וועלן, וועלכע שורשען דאָ אַרום לעם דעם בּרעגיקן זאַמד, האָבּן אים גאָר געשראָקן. ער איז אַרויסגעשפּרונגען אַפן בּרעג און ווייטער גענומען בּילן אַף סערגייען: „צו וואָס אַיעלכע נאַרישע קונצן? וואָלסט זיך זיצן דאָ בּאַם בּרעג גלייך מיטן זיידן. אַך, וויפל מע נעמט זיך עס אָן פון אָט דעם יאַטלו!".

— עי, סעריאָזשע, קריך שוין אַרויס, —האָט דער אַלטער גע-גומען רופן—וויפל איז דאָרטן דער שיר טאַקע אינדערעמעסן. וועט זיין געבוג פון דיינעטוועגן.

— שוין, גלייך, זיידעשי לאָדיזשקין, — האָט זיך דאָס אינגל אָפּגערופן,—קוק, אָט-אָ שווים איך אַזוי ווי אַ דאַמפּער. או-או-או-איך!

ער איז שוין ענדלעך צוגעשוואומען צום בּרעג. אָבּער פאַרן אָנטון זיך האָט ער נאָך געכאַפּט אַרטאָן אַף די הענט און, אומ-קערנדיק זיך מיט אים אין יאַם אַריין, האָט ער אים אַ שמיץ געטון ווייט, ווייט אין וואַסער. דער הונט האָט גלייך גענומען שווימען אַף צוריק, אַרויסשטעקנדיק פון וואַסער נאָר די מאָרדע מיט די אַרופגעשוואומענע אויערן, און האָט הויך און בּאַליידיקט זיך אָפּ-געבּלאָזן. אַרויסגעשפּרונגען אַף דער טריקעניש, האָט ער זיך אַ טרייסל געטון מיטן גאַנצן לייב און מיט אַ גאַנצן וואָלקן שפּרי-צעלעך בּאַשאָטן דעם אַלטן און סערגייען.

— וואָרט נאָר אויס, סעריאָזשע, סע איז ניט אָפּטמאָל צו אונז ווייטער,—האָט דער אַלטער אַ זאָג געטון, קוקנדיק אָנגעשטריינגט אַרופצו צום בּאַרג.

איבערן שטעגעלע האָט זיך געשווינד אַראָפּגעלאָזן אַראָפּ און עפּעס געשריִען און געמאַכט מיט די הענט דערזעלבער באַרוי־געזער הויפער אין דעם ראָזאָוון העמדל מיט די שוואַרצע אויגן, דערזעלבער, וואָס האָט צוריק מיט איין פערטל שאָ געטריבן אונזער וואַנדערנדיקע טרופּע פון דער דאַטשע.

— און נאָך וואָס שפּאַרט ער זיך אהער? — פרעגט דער זיידע, ניט פאַרשטייענדיק.

IV

דער הויפער האָט ניט אופגעהערט שרייען, ווען ער איז שוין געלאָפן אַראָפּ פון באַרג. די אַרבל פונם העמד האָבן באַ אים געפלאַטערט אַפן ווינט און דער בוזעם האָט זיך באַ אים אופגע־בלאָזן, ווי אַ זעגל.

— אָ־האָ־האָ!.. וואַרט נאָך דאָרטן אויס אַ קאָפּ!..

— אַ, אונטערנעצן זאָל שוין דיך, אַז ס׳זאָל זיך קיינמאָל ניט אויסטריקענען, האָט לאָדיזשקין בייז אַ בורטשע געטון,— דאָס איז ער שוין וועגן אַרטאָשקען איז ער.

— איר דאַרפט אָט־וואָס... — האָט דער הויפער אַ פאַרסאָפּע־טער אָנגעהויבן נאָך פונדערווייטן. — פאַרקויפט שוין אים, אָדער וואָס, אָט דעם הונט אָט דעם, אָדער וואָס? נו מ׳קען זיך דאָך שוין קיין אייצע ניט געבן מיט אים, מיטן פאַניטש, הייסט עס. ס׳רעוועט ווי א קאַלב. „אַהער גיב און אַהער גיב דעם הונט״. די פריצטע האָט געשיקט, קויף, זאָגט זי, צאָל וויפל מע וועט הייסן.

סע איז שוין אַפילע נאַריש אָט דאָס־אָ טאַקע פון איר זייט פון דיין פריצטעס,—איז פלוצים לאָדיזשקין געוואָרן אין קאַס. און ער האָט זיך נאָך סיי־ווי דאָ אַפן ברעג געפילט אַסאַך דרייסטער און זיכערער ווי דאָרט אַף דער פרעמדער דאַטשע.—און טאַקע צו־ריק געדעדט, וואָס איז זי מיר פאַר אַזאַ מין פריצטע, פרעג איך דיך? דיר איז זי עפּשער א פריצטע, און מיר איז זי אַ צוויי־גאָרנדיקער „איך האָב זי אין דער־ערד״. און זיי טאַקע אַף אַזויפיל

גוט... איך בעט דיך... גיי פון אונז אַוועק אין גאָטעס ווילן... און טשעפּע זיך אָפּ, און אַ סאָף.

אָבער צום הויפער זיינען אַזעלכע רייד ניט צוגעשטאַנען. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אַף די שטיינער ניט ווייט פונם אַלטן און האָט געטאַינעט:

אָבער פאַרשטיי שוין די, נאַרישער מענטש.

פון אַ נאַר הער איך עס. — האָט דער אַלטער רואיק אָפּ-געהאַקט.

— אָבער וואַרט אוף... דאָך ניט פון דעם רעדט זיך... אָט א שטעכעלקע און אַן עק... דו באַקלער נאָר: נו, וואָס איז דיר דער הונט? דו האָסט זיך ערגעץ צוגעקראָגן אַן אַנדער פּיסקליאַ, לערנסטו אים אויס שטיין אַף די שפּיץ פינגער און אָט האָסטו דיר ווייטער אַ הונט. נו? ניט ריכטיק, צו וואָס, זאָג איך דיר? הא?

דער ווידעשי האָט אופמערקזאַם פאַרבונדן דעם פאַסיק אַף די הויזן. אַף דעם הויפערס איינגעשפּאַרטע פראַגן האָט ער גע-ענטפער מיט אַ געמאַכטן גלייכגילט:

— ביל ווייטער... איכל דיר דערנאָך אַף אַלץ מיט אַ מאָל ענטפערן.

און דאָ, ברודער דו מיין, מיטאַמאָל אַ ציפרע! — האָט זיך דער הויפער אַלץ געהיצט. צוויי הונדערט, אויב ניט איז דריי הונדערט קאַרבן איינס און איינס! נו, ווי געוויינלעך, מיר עפּשער עפּעס א קלייניקייט פאַר דער טירכע... אָבער דו באַקלער זיך נאָר אַליין: דריי מייעס! מ'קען דאָך היינטיקן טאָג אופעפענען אַ באַקאַליי-קראָם...

אַזוי ריידנדיק האָט דער הויפער דערווייל ארויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ שטיק וואורשט און אַ שמיץ געטון עס דעם פו-דעל. אַרטאָ האָט עס אופגעכאַפּט אין דער לופטן, דערשלונגען מיט איין קוועטש און האָט גענומען דרייען מיטן עק טאָמער שמעקט עס מיט „נאָך".

— געענדיקט? פרעגט לאַדיזשקין אָפּגעהאַקט.

— דאָ איז לאַנג ענדיקן אַפּילע ניסאָ וואָס. גיב אַהער דעם הונט—און פּאַטש צו.

— אַז-זוי. האָט דער אַלטער פאַרצויגן מיט אַ שפּאַס.—פאַר-קויפן. הייסט עס, דאָס הינטל?

געוויינטלעך פאַרקויפן. וואָס דאַרפט איר נאָך? און דער-יקער דער פּאַניטש בא אונז, ניט דאָ געדאַכט, אזא צעדרייטער. יואָס ס׳האָט זיך פאַרוואָלט מעג גיין די גאַנצע שטוב מיטן קאָפּ אַראָפּ. פאַרקויף און א סאָף זאָל דאָס נעמען. דאָס איז נאָך אָן דעם פּאָטער. און פאַרן פּאָטער איז... הייליקינקע, טייערע מיינע!.. אַלינקע מיטן קאָפּ אַראָפּ גייען ארום. מיט די פיס ארויף. דער פּאָרעק איז אונזערער א אינגושענער. ט׳עפּשער געהערט, דער הער אָבאַליאַניגאָוו? ווי בייען איבער גאַנץ רוסלאַנד די אייזנבאַ-נען. אַ מיליאָנער! און דאָס יאַטליק איז בא אונז אַן איינוניינ-ציגס. נו. שטיפט עס. איך וויל אַ לעבעדיקן פּאָני. נאַ דיר א פּאָני. איך וויל אַ שיפל. נאַ דיר אַן עמעסדיק שיפל. אַזוי ווי איר זעט. איז אים גאָר גיט און קיינס ניט ניט אָפּגעזאָגט.

— און די לעוואָנע?

— דעהאַינע ווי אזוי. אין אַוועלכן סיכל מיינט איר עס?

איך פרעג, די לעוואָנע פון הימל האָט זיך אים קיינמאָל ניט פאַרגלוסט?

— נו, יאָ... אַריינגעזאָגט אַביסל די לעוואָנע! — האָט זיך דער הויפער באַליידיקט כאָ ווי אַזוי-זשע, מענטש איינער, לייטערס פאַראַן בא אונז אַזעלכע, אָדער וואָס?

דער אַלטינקער, וועלכער האָט שוין באַוויזן אַרופּשלעפּן אַף זיך דעם ברוינעם, אַף די נאָכן גרינגעוואַרעניעם, רעקל, האָט זיך שטאָלץ אויסגעגלייכט אַף ווייפל, פאַרשטייט זיך, סע האָט אים דערלויבט זיין איבייק אויסגעבויגענער רוקן.

— איינס קען און דיר יאָ זאָגן, מענטש,—האָט ער אנגעהויבן אַפּילע גאַנץ געהויבן באַ זיך צום ביישפּיל, לאָמיר זאָגן, אויב באַ דיר איז דאָ אַ ברודער אָדער. לאָמיר זאָגן, אַ גוטער פריינט, וועלכער, הייסט עס, איז פון די סאַמע יונגע יאָרן. האַר אויס,

מענטש, דו וואַרף ניט אומזיסט דעם הונט קיין וואורשט—ער איז ניט אַף דיינע קעסט... עס בעסער אליין אוף... מיט דערוף וועסטו אים, גומער-ברודער, ניט אונטערקריפן. זאָג איך, הייסט עס, אויב באַ דיר וואָלט זיין דער בעססער, וואָס קען גאָר זיין אַף דער וועלט. פריינט... וועלכער, הייסט עס, נאָך פון קינדוויים... טאָ פאַר וויפל וואָלסטו אים, צום ביישפיל זאָגנדיק, פאַרקויפט?

— אויך מיר פאַרגליכט!

— זאָל טאַקע זיין פאַרגלייכט. דו זאָג טאַקע אַזוי דיין פּאָרעק, וועלכער בויט דעם אַייזנבאַן,—האָט דער אַלטער אנגעהויבן מיט אַ העכערן קאָל,—אַזוי גיב אים טאַקע איבער: ניט אַלץ, הייסט עס, פאַרקויפט זיך, פון דאָס, וואָס מע קויפט. יאָ! דו גלעט אים בעסער ניט דעם הונט, וואָרום סע וועט גאָרניט זיין. אַרטאָ, קום אַהער, הינטישער זון, איכ-כ-ל דיר! סערגיי, נעם צונויף די זאַכן.

— דו אַלטער פּיפּעש,—האָט דער הויפער שוין צום לעצטן ניט אויסגעהאַלטן.

— אַ פּיפּעש, ווייל מיר קומען אַרויס פון איפּעש, און דו ביסט אַ גרוביאַן, אַ יודאַ, אַ פאַרקויפטע נעשאָמע,—האָט לאָדיזשקין זיך אויסגעזידלט. וועסט נאָך דאָרט זען דיין גענעראַלשע, מאָ לאָז איר גריסן, זאָג איר: פון אונזעריקע, הייסט עס, מיט ליבשאַפט אַ טיפער גרוס. וויקל צונויף דעם טעפּיך, סערגיי! ע-עך, אַקסל מיינער, פּלייצקעלע! לאָמיר גיין.

— הייסט עס אַזוי-אוי!—האָט דער הויפער פילבאַדייטנדיק אויסגעצויגן.

— אַזוי ווי איר זעט, מיין טייערינקער,—האָט דער אַלטער שקאָציש געענטפערט.

די אַרטיסטן האָבן זיך אַוועקגעשלעפּט לאַנגויס דעם יאַם-ברעג, ווייטער אַרוף און מיט דעמזעלביקן וועג. סערגיי האָט ניט ווילנדיק זיך אומגעקוקט אַף צוריק און האָט דערזען, אַז דער הויפער קוקט זיי נאָך. דער אויסזען איז באַ אים א פאַרקלערטער און אַ פאַרצאָרנטער. אַריינגעטון אין די געדאַנקען, האָט יענער מיט דער גאַנצער פינף-שטיק געקראַצט זיין באַוואקסענעם רויטן נאַקן

אונטער דער ברייטער היטל, וועלכע איז אים אראָפּגעפּאָרן איבער די אויגן.

V

דער אַלטינקער לאָדיזשקין האָט שוין געהאַט פון יאָרן אַ ווינ־קעלע איינעם, צווישן מיסכאָר און אַלופּקע, אַראָפּצו פון דעם אונטערשטן וועג, וואו מע האָט געקענט גוט פאַרברייננגען אַ האַלבע שאָ און איבערבייסן. אַהין האָט ער אויך אַוועקגעפירט זיינע קאָ־לעגן. ניט ווייט פונם בריק, וועלכער איז איבערגעוואָרפן איבער אַ טומלדיקן שמוציקן באַרג־שטראָם, איז פון אונטער דער ערד אַרויסגעלאָפן, דאָרט אינם שאָטן פון די קרומע דעמבעס צווישן די ניס־ביימער, אַ פלאַפּלענדיק קאַלט רינוועלע וואַסער. סע האָט זיך דורכגעמאַכט אין דער ערד אַ קיילעכדיק ברונענדל אַזאַ, פונ־וואַנען ס'האָט זיך געלאָזן לויפן ווי אַ דין שליינגעלע אין טייכל אַריין, און וואו צווישן גראָז האָט עס געגלאַנצט ווי עמעסער קוועקזילבער. לעם אָט דעם־אָ קוואַל האָט מען אַלע גאַנצפרי און פאַרנאַכט געקענט טרעפן פרומע טערקן, וועלכע טרינקען דאָ וואַסער און פראַווען הייליקע טפילעס.

— זינד מיינע שווערע,--זאָגט דער אַלטער, זיך זעצנדיק אין שאָטן אונטער די ניס־ביימער,—און קאַמערן אונזערע ליידיקע. אַנו, סעריאָזשענקע, גאָט אין הימל בענטש אונז!

ער האָט אַרויסגענומען פון דעם לייוונטענעם טאָרבעלע ברויט, אַ צענדליק רויטע פּאָמידאָרן, אַ שטיקל בעסאַראַבער קעז „ברינזע" און אַ פלעשל מיט פּראָוואַנס בוימל. די זאַלץ איז בײַ אים גע־ווען איינגעבונדן אין אַ שמאַטקעלע (מע קען ניט זאָגן, זי זאָל זיין זייער שטאַרק אַ ריינע). פאַרן עסן האָט דער אלטער זיך לאַנג געצייילעמט און עפּעס געשפּראָכן, דערנאָך האט ער צעבראָכן דעם שטיק ברויט אַף דריי ניט קיין גלייכע כאַלאָקים: איינעם, דעם גרעסטן שטיק האָט ער דערלאַנגט סערגייען (אַ קליינס וואַקסט—דאַרף עס עסן), דעם אַנדערן, דעם מיטעלן, האָט ער אָפּ־

געשטעלט פֿאַרן הונט און דעם דריטן, דעם סאַמע קלענסטן, האָט ער זיך גענומען.

ניט געאײַלט, פּאַמעלעכן, קעסיידער און שטיל, ווי סע עסן גע-ווײַנלעך האַרעפֿאַשניקעס, האָבן זיך די דרײַען גענומען אָפּריכטן זײער באַשיידענעם מיטאָג. מ׳האָט נאָר געהערט ווי עס קײַען דרײַ פּאָר מילכענס. אַרטאָ האָט געגעסן זײַן כײַלעק, אין אַ זײַט ער האָט זיך אויסגעלייגט אַפֿן בויך און ארופֿגעלייגט אַפֿן ברויט ביידע פֿעדערשטע פֿיס. דער זיידעשי און סערגיי האָבן איינער נאָכן צווייטן געטרונקען אין זאַלץ די צײַטיקע פּאָמידאָרן, פֿון וועלכע סע האָט גערונען איבער די הענט און איבער די ליפּן רויטער זאַפֿט, אַזוי ווי בלוט. און פֿאַרביסן האָבן זיי מיט קעז און מיט ברויט. אָפּגעגעסן צו זעט, האָבן זיי זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער, אונטערשטעלנדיק אונטער דער רינוועלע פֿון קוואַל אַ בלעכן קוועדל. די וואַסער איז געווען קלאָרע, דורכזיכטיקע, באַטאַמטע און אַזאַ קאַלטע, אַז דאָס קווערטל האָט אַפֿילו געכאַפּט אַ שווייס פֿון דער אויסערלעכער זײַט. די היץ און דער לאַנגער וועג האָבן פֿאַרמוטשעט די אַרטיסטן, וועלכע זײַנען היינט געווען אויפֿגעשטאַנען קאַיאָר. באַם אַלטינקן האָבן זיך געקלעפּט די אויגן. סערגיי האָט געגענעצט און זיך געראַסטעט.

— וואָס, ברודערל, עפּשער גאָר זיך אַנידערלייגן און אַביסעלע אָפּשלאָפֿן — האָט דער זיידע געפֿרעגט. — ווייז אַקאָרשט, איך וועל זיך נאָך איין מאָל אנטרינקן מיט דער וואַסערל. אוך, ס׳איז גוט, — האָט ער אַ קרעכץ געטון, אָפּרייסנדיק דאָס מויל פֿון דעם קווערטל און שווער איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, בעשאַס די לויטערע טראָפּנס האָבן זיך באַ אים דערוויל געקייקלט פֿון באָרד און פֿון די וואָנסעס, — ווען איך בין אַ קייסער, וואָלט איך נאָר אָט די וואַסער געטרונקען... פֿון פֿרי וואָלט איך און ביז אין נאַכט! אַרטאָ, גיכער שמייס אַהער!, נו, אָט געלויבט דער אייבערשטער זיך אנגעפּאַמלפּט, קיינער האָט ניט געזען ווען מיר האָבן זיך געפּרייט און ווען — געגייטיקט, און אַז קיינער ס׳ניט געזען, האָט קיינער ניט באַליידיקט...

אָכו, אָכו, אָכוניו!

דער אַלטער מיטן אינגל האָבן זיך איינס לעם אַנדערן אויס-געלייגט אַף דער ערד. אונטערן צוקאָפּנס האָבן זיי אונטערגעשטופּט די אַלטע רעקלעך זייערע. איבער זייערע קעפּ האָבן גערוישט די טונקלע. בלעטער פון האַרטע צעוואָרפענע דעמבן. דורך דעם בלעטער-דאַך האָט זיך געבלויט דער ריינער העלער הימל. דאָס טייכל, וואָס איז געלאָפן פון שטיין אַף שטיין, האָט געפּלאַפּלט אַזוי איינאַרטיק און אַזוי גאַנייוויש, פּונקט ווי עס וואָלט וועלן עמעצן פאַריידן, פאַרקישעפן, און פאַרוויגן און פאַרשלעפערן. דער אַלטינקער האָט זיך נאָך אַ שטיקל צייט געדרייט, געקרעכצט און עפּעס געערעדט נאָך, אָבער סערגייען האָט זיך געדאַכט, אַז די שטים יענעמס קלינגט עפּעס פון אַ ווייכער שלעפערדיקער ווייטעניש און די ווערטער זיינען געווען אומפאַרשטענדלעך, ווי פון אַ מאַיסעלע ערגעץ.

— קוידעמקאָל — קויף איך דיר אַ גאַרניטער: אַ ראָזאָווע טריקאָ מיט גאָלד-שיכלעך אויך ראָזאָווע, פון סאַמעט... אין קיעוו, אין כאַרקאָוו, אָ׳ער, צום ביישפּיל וואָגנדיק, אין דער שטאָט אין אָדעס, — דאָרט, ברודער, זיינען שוין איינמאָל צירקן!.. לאַמטערנס... אומעטום ריינע עלעקטריע... עוילעם קלייבט זיך אויף עפּשער פינעף טויזנט שטיק געווים, אויב ניט איז נאָך מער... איך ווייס זייער? ס׳ניט מיין אייסעק זיך מישן. אַ פאַמיליע-נאָמען וועלן מיר דיר באַקלערן נאָר אַ איטאַליענישן. וואָס איז דאָס מיר, זאָג מיר, פאַר אַ פאַמיליע-נאָמען עסטיפעיעוו, אָדער, לאָמיר זאָגן, לאָדיזשקין?... ס׳איז אַן אויסגעבלאָזן איי! ניטאָ אין דעם קיין שום לייטישער געדאַנק. אָבער מיר וועלן דיר אַריינהאַקן אין דער אַפישע אַריין — אַ נ ט אָ נ י אָ, אָדער, צום ביישפּיל, אויך נישקאָשע — ע נ ד ר י ק אָ, אָדער אַ ל פ אָ נ ס אָ...

ווייטער האָט שוין דאָס יאַטל ניט געהערט. ס׳האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ צאַרטער און זיסער דרעמל, אים צונויפגעשמידט אין גאַנצן לייב. אויך דער זיידע איז אַנשלאָפן געוואָרן, און ער האָט אינמיטן-דרינען איינגעלאָזן דעם העמשעך פון זיינע ליבע נאָכוואָרמעסדיקע געדאַנקען וועגן סערגייס גלענצנדער צירק-צוקונפט.

איין מאָל האָט זיך נאָך אים פון שלאָף אויסגעוויזן, אַז אַרטאָ בילט אַף עמעצן. אין זיין פאַרנעפּלטן מויעך האָט זיך אַף אַ רעגע אופגעכאַפּט אַ האַלב-פאַרשלאָפענע אומרואיקייט וועגן אָט דעם הויפער פון אָט-ערשט מיט דער ראָזאָווער העמד און שוואַרצע אויגן, אָבער. אַ צעשרויפטער שוין פון שלאָף און פון היץ-מידי-קייט, האָט ער אַפילע ניט געקלערט פון אופשטיין, ער האָט נאָר פויל און מיט פאַרמאַכטע אויגן, זיך אָפגערופן צום הונט:

— אַרטאָ... וואוהין איז? איכל ד-דיך, שלעפער איינער!..

אָבער זיינע געדאַנקען האָבן זיך באַלד פאַרפלאָנטערט און זיך צוריק צעשאָטן אין פאָרמלאָזע און שווערע אויסדוכטענישן.

אופגעוועקט אים, דעם זיידן, האָט שוין סערגייס שטים. דאָס יאַטל איז אומגעלאָפן הין און צוריק פון יענער זייט טייכל, האָט הילכיק געפייפט און מיט אומרואיקער שרעק הויך גערופן און געשריגן:

— אַרטאָ, אַהער קום! צוריק! פיו, פיו, פיו! אַרטאָ, צוריק!

— וואָס רודערסטו דאָרט, סערגיי,—האָט דער אַלטער אום-צופרידן געפרעגט, אויסגלייכנדיק דערביי זיין פאַרלעגענע האַנט.

— דעם הונט האָבן מיר פאַרשלאָפן, אָט וואָס!—האָט דאָס יאַטל צערייצט און גראָב געענטפערט.—פאַרפאַלן דער הונט.

ער האָט שניידיק אַ פייף געטון און נאָכאַמאָל פאַרצויגן אויס-גערופן:

— אַרטאָ-אָ-אָ.

— נאַרישקייטן, וואָס דו קלערסט אויס!.. ער וועט באַלד קומען צו לויפן,— זאָגט דער אַלטער.

אָבער ער האָט אויך ניט געמאַכט קיין שיעס, האָט זיך גיך אופגעכאַפּט און האָט גענומען הודען מיט צעקאַסטן פון שלאָף הייזעריקן, אַלטן פאַלצעט.

— אַרטאָ, אַהער גיך, הינטישער זון!

ער איז גיך, מיט דריבנע פלאָנטערנדיקע טריטעלעך איבער-געלאָפן איבערן בריק און זיך אופגעהויבן אַרוף אַף דעם ברוקירטן וועג, און האַלט אין איין רופן דעם הונט. אַף אַ האַלב ווערסט איז געווען אָפן פאַרן אויג אַ גלייכער הייל-ווייסער שטיק וועג-

טישטעך, אָבער מע האָט דאָרט ניט באַמערקט קיין איין געשטאַלט, קיין איין שאָטן ניט.

— אַרטאָ! אַר-טאָ-שו-ניו!—האָט זיך דער אַלטינקער ראַכמאָ-נעסדיק צעהילט. אָבער פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך אָנגעבויגן נידעריק צום וועג און זיך צוגעזעצט אַף די שפּיץ פינגער.

— יאָ-יאָ. אָט וואָס דאָ טוט זיך אַרום אונז,—האָט דער אַלטער ארויסגערעדט מיט אַן איינגעפאַלענער שטים.—סערגיי! סעריאָזשע, קום נאָר גיכער אַהער.

— נו, וואָס נאָך דאָרטן?—האָט זיך דאָס אינגל גראָב אנגע-רופן.—האָסט דאָרט געפונען דעם נעכטיקן טאָג?

— סעריאָזשע... וואָס איז דאָס אַזעלכס?.. אָט-א דאָס-אָ, וואָס איז עס אָ זעלכס? דו פארשטייסט?—האָט דער אַלטער שטיל, קאַם וואָס מע הערט, געפרעגט.

ער האָט געקוקט אַפן אינגל מיט ראַכמאָנעסדיקע, פאַרלאָרענע אויגן. און זיין האַנט, וועלכע האָט געוויזן גלייך אף דער ערד, איז ארומגעגאַנגען אין אלע זייטן.

אפן וועג אינם ווייסן שטוב האָט זיך געוואַלגערט א ניט-דערביסענער שטיקל וואורשט, און גלייך לעם דעם זיינען אין אלע ריכטונגען געווען אָפּגעשטעמפּלט שפּורן פון הינטישע פיס.

— דער נידעריקער מענטש האָט דאָך בא אונז אַ וועקגעפירט דעם הונט!—האָט דער אלטער דערשראָקן געשעפּטשעט, אַלץ נאָך זיצנדיק אַף די שפּיץ פינגער.—קיינער קיין אַנדערער, אויב ניט ער—ס'איז קלאָר ווי דער טאָג... געדיינקסט דאָך, ווי ער האָט אָט דאָ ניט לאַנג צוריק לעבן יאַם, הייסט עס, אים אלע ויילע אונטערגעוואָרפן צו שטיקלעך וואורשט.

— קלאָר ווי דער טאָג,—האָט סערגיי באַרויגעז און מיט פאַרדראָס איבערגעכאַזערט.

די ברייט-צעעפנטע אויגן באַם זיידן האָבן זיך פּלוצים אָנגע-גאָסן מיט גרויסע טרערן און האָבן אָנגעהייבן גיך-גיך פינטלען. ער האָט געכאַפּט און זיך פאַרשטעלט מיט די הענט.

— וואָס-זשע זאָלן מיר טון. סעריאָזשענקע? האַ? טון וואָס זאָלן מיר היינט אָנהויבן און קלערן וואָס?—פרעגט דער אלטינקער און וויגט זיך אַזוי הין און צוריק, וויינענדיק מיט ביטערע טרערן.

— וואָס טון, וואָס טון!—האָט אים סערגיי בייז איבערגע־קרימט.—שטיי אויף, זיידעשי לאָדיזשקין, לאָמיר גיין!..

— לאָמיר גיין—,האָט כליפענדיק און געהאָיכזאָם דער אלטער איבערגעכאַזערט, זיך אופהייבנדיק פון דער ערד.—נו, ווי דען־זשע, לאָמיר, סעריאָזשענקע, גיין.

סערגיי האָט אָנגעוואוירן דעם געדולד און האָט אָנגעשריען אפן אלטינקן ווי אַף א קינד:

— גענוג דיר, אלטער, מאכן זיך נאַריש. וואו איז עס אין דערעמעסדיקן געזען געוואָרן, אַז מע זאָל פאַרגאַרן פרעמדע הינט? וואָס סאָלאָפּעסטו אף מיר מיט די אויגן? ניט ריכטיק זאָג איך? גלייך וועלן מיר קומען און מירן אַ קלאַפּ טון „אהער גיב אף צוריק דעם הונט!" און אויב ניט—איז אין געריכט אריין. אָט אזוי איז בא לייטן!

— אין געריכט אריין... יאָ... געווים... דאָס איז טאַקע ריכ־טיק, אז אין געריכט אריין...—האָט לאָדיזשקין מיט אן אומזינענ־דיקן ביטערן שמייכעלע איבערגעכאַזערט. אָבער די אויגן האָבן זיך בא אים דערביי מאָדנע און שעמעוודיק צעפלויגן.—אין גע־ריכט אריין... יאָ... אָבער אָט-וואָס איך וועל דיר זאָגן, סעריאָ־זשעניו... עפּעס קומט עס ניט אויס אקוראט... מע זאָל, הייסט עס, אין געריכט אריין...

— וואָס הייסט, ס'קומט ניט אויס? א געזעץ איז איינער פאר איטלעכן, וואָס, אין די ציינער וועלן מיר זיי עפּשער קוקן? האָט דאָס איינגל אומגעדולדיק זיך ארייגעמישט אין די רייד.

— אָבער דו, סעריאָזשע, ני-ניט... ניט קאָס זיך אף מיר. דעם הונט וועט מען אונז—מיר מיט דיר—ניט אומקערן — דער זיידע האָט סוידעסדיק אַראָפּגעלאָזן די שטים.—אַנקעגן דעם פּאַטשפּאָרט בין איך ניט רואיק. ס'געהערט, וואָס דאָ ניט לאַנג ס'געזאָגט דער הער אין די בוילן? „און א פּאַטשפּאָרט, פרעגט

ער, איז בא דיר פאראן?" אָט־וואָס פּאַר א געשיכטע. און בא מיר,—דער זיידע האָט באַקומען אַ צעשראָקענעם פּאָנעם, און האָט גענומען שעפּטשען קאָם וואָס מע הערט:

— בא מיר, סעריאָזשע, איז ניט קיין אייגענער פּאַטשפּאָרט— א פרעמדער.

— וואָ־ הייסט א פרעמדער?

— אָט דאָס וואָס דו הערסט, מיין טייערער! מיינעם האָב איך פאַרלאָרן אין טאַגאַנראָג און עפּשער האָט בא מיר אים עמעצער אָפּגעשלעפּט. אַ יאָר צוויי דורכאַנאַנד האָב איך זיך דערנאָך געדרייט: זיך אויסגעבאַהאַלטן, געצאָלט כאַבאַר, גע־שריבען פּראָשעניעס .. ביז איך זע, איך האָב ניט קיינע מעגלעכ־קייטן מיינע, איך לעב אזוי ווי דער האָז,—פאַר יעדערן זיך גע־שראָקן. האָב קיין רו קיין אָפּרו ניט געהאַט. איז דאָ אין אָדעס אין אַ נאַכטלעגער־שטיבל האָט זיך אונטערגעשארט איינער א גריך. „דאָס, זאָגט ער, איז א גאָרניט מיט א נישט. לייג, זאָגט ער, אַוועק, אַלטער, אַהער אפן טיש פינעף און צוואַנציק רובל, וועל איך דיך, זאָגט ער, באַוואָרענען אף אייביק מיט א פּאַטש־פּאָרט". איך האָב גענומען באַרעכענען מיטן געדאַנק טאַהער־טאַ־הין. עק, קלער איך צו זיך,—אין דער ערד מיטן קאָפּ. גיב אהער, זאָג איך. און פון דעסטמאָלט אָן, טייערער מיינער, לעב איך עס אַזוי אַף א פרעמדן פּאַטשפּאָרט.

— אַך זיידעשי, זיידעשי!—האָט סערגיי מיט טרערן טיף אַ זיפץ געטון.—ס'טוט דאָך מיר אָבער זייער שטאַרק באַנק דער הונט... דאָס הינטעלע איז דאָך שוין עפּעס בא אונז... אונזער הונט...

— סעריאָזשעניו. האַרציקער מיינער!—האָט דער אלטער צו אים אויסגעצויגן די ציטערנדיקע הענט.—ווען איך האָב דאָך נאָר א רעכטן פּאַטשפּאָרט בא זיך אף די הענט, וואָלט איך דען גע־קוקט אף זיי, וואָס זיי זיינען יענעראַלן? און פאַרן גאָרגל וואָלט איך זיי ניט גענומען?.. „וואָס איז עס פאַר אַן אַרבעט? ערלויבט, וועלכע האָט איר עס אַזעלכע פולע רעכט אף גאַנצעגען פרעמ־

דע הינט? אוועלכן געזעץ אזעלכן. וואָלט איך א באַלן זיין וויסן. האָט איר אקאָרשט אף דערויף?". אָבער איצטער, סעריאָזשע, איז אונזער קאַפּוט. קום איך נאָר אין פּאָליציע — איז דאָס אלע ער־שטע: „דערלאנג אהער דיין פּאַטשפּאָרט! דאָס ביסטו דער סא־מארער „מעשטשאנין" מארטין לאָדיזשקין?" — „איך, אייער הויכ־געבורט". און איך, ברודערל, בין נאָר ניט לאָדיזשקין, איך בין גאָר קיינמאָל קיין „מעשטשאַנין" ניט געווען, איך בין גאָר א קרעסטיאַנין" איוואַן דודקין. און ווער איז ער אַזעלכער אָט דער לאָדיזשקין — ווייסט אים איין גאָט. פונוואנען קום איך וויסן, עפּשער א גאנעוול אזא, אָדער אן אנטלאָפענער פון קאַטאָרגע? אָדער, עפּשער, אזוי א מערדערילא? ניין, סעריאָזשעניו, מירן דאָ גאָרניט ניט מאַכן... גאָרניט, סעריאָזשע...

די שטים האָט זיך דעם אַלטינקן אָפּגעריסן און ער האָט זיך פאַרכלינעט. די טרערן האָבן ווייטער געגומען לויפן איבער די טי־פע, פון דער זון פאַרברוינטע, אַלטע קנייטשן. סערגיי, וועלכער האָט די גאַנצע צייט שטיל אויסגעהערט דעם אפגעשוואַכטן זיידן, אַ בלייכער פון אופרעגונג און מיט שטארק צונויפגעדריקטע ברעמען, האָט פּלוצים אַ נעם געטון דעם זיידן אונטערן אָרעם און אים גע־נומען שלעפן.

— לאָמיר גיין, זיידעשי, — זאָגט ער אי באַפוילעריש, אי מילד אין איינער און דערזעלבער רעגע. — אין דער ערד דעם פּאַטשפּאָרט. לאָמיר גיין! מירן דאָך דאָ ניט בלייבן נעכטיקן אַפן ברייטן שליאַך.

— טייערער מיינער, האַרציקער, — האָט דער אַלטינקער איינגע־טאינעט, זיך טרייסלענדיק מיטן גאַנצן גוף — דער הינטעלע איז דאָך שוין אַזאַ פאַרשטאַנדיקער באַ אונז געווען... אַרטאָשעניו אונזע־רער... נאָך איינעם אַזאַ וועלן מיר שוין ניט האָבן.

— וואויל, וואויל... שטיי אוף, — האָט סערגיי געקאמאַנדעוועט — לאָז איך וועל דיך אַביסעלע אפרייניקן פונם שטויב. דו האָסט מיר זיך שוין צופיל אָפּגעלאָזן, זיידעשי.

דעם טאָג האָבן די אַרטיסטן שוין מער ניט געאַרבעט. סערגיי, ניט קוקנדיק אף זיין יונגן עלטער, האָט ער דאָך פאַרשטאַנען די

שלים-שלימאַזלדיקע באַדייטונג פון אָט דעם שרעקלעכן וואָרט „פּאַטשפּאָרט", פאַר דערפאַר האָט ער זיך מער ניט געאַקשנט, אַז מע זאָל ווייטער אומזוכן אַרטאָן, און ניט אַז מע זאָל זיך לאָדן און ניט קיינע שום אַנדערע באַשלאָסענע מיטלען. דערווייל איז ער נאָכגעגאַנגען האַנט בײַ האַנט מיטן זיידן ערגעץ זיך זוכן אַ נאַכטלע-גער. פון פּאָנעם איז בײַ אים ווייטער ניט אַראָפּגעגאַנגען עפּעס אַ נייער פאַראַקשנטער און דורכגעקלערטער אויסדרוק, פונקט ווי ער וואלט איינער אַליין פאַר-זיך פאַרקלערט עפּעס אַן אויסערגעוויינ-לעכן ערנסטן און גרויסן איניען.

אַפילע ניט צונויפגערעדט, אָבער, ווייזט אויס, געדירט פון איי-נעם און דעמזעלבן געהיימען אומרו, האָבן זיי אומיסטן אָנגעלייגט אַ היפּשן שטיק וועג, אַז מע זאָל נאָך אַ מאָל דורכגיין לעם דער „דרוזשבאַ". פאַרן טויער האבן זיי זיך פאַרהאַלטן אַף אַ ווײַלע, האָפנדיק, אַז זיי וועלן עפּשער דערזען אַרטאָן אויב ניט וועלן זיי דערהערן פונדערווייטן זײַנעם אַ ביל.

אָבער די געשניצטע טויערן פון דער גרויסאַרטיקער דאַטשע זײַנען געווען פעסט פאַרהאַקט, און אין דעם שאָטנדיקן גאָרטן האָט צווישן די גלײַכע, אומעטיקע ציפּרעסן געהויערט אַן אומגעשטערטע, אַן ערנסטע, אַ געהויבענע שטילקייט.

— פּערר-רי-ציט—האָט דער אַלטער אַ זאָג געטון, ארײַנלייגנ-דיק אין דעם-אָ וואָרט די גאַנצע בייסנדיקע ביטערקייט, וועלכע האָט איצט אָנגעפילט זײַן ברוסט.

— גענוג וועט זײַן. לאָמיר גיין,—האָט דאָס יאַטל ביז באַ-פוילן, און אַ שלעפּ געטון זײַן מיטגייער פאַרן אַרבל.

— סעריאָזשעניו, עפּשער וועט ער נאָך פון זיי אַנטלויפן, אַר-טאָשל אונזערער?—האָט דער אַלטער פלוצים זיך ווידעראַמאָל צעכליפּעט.—האַ? ווי קלערסטו, טײַערינקער?

אָבער דאָס יאַטל האָט גאָרניט געענטפערט. ער איז נאָר גע-גאַנגען אַפריער מיט היפּשע און האַרטע שפּאַנען. זײַנע בליקן האָבן אין זיך געזופּט דעם וועג, וואָס אַראָפּ-צו און די דינע ברעמען זײַנען אים ביז געווען צונויפגעדריקט אַרום דער נאָז-ביין.

VI

שווייגנדיק זיינען זיי אַזוי פאַרגאַנגען ביז אַלופקע. דער אַל-סינקער האָט אַ גאַנצן וועג געקרעכצט און אפגעזיפצט. סערגיי אָבער האָט אָפגעהיט אַפן פּאָנעם דעם בייזן אַנטשלאָסענעם אויס-דרוק. זיי האָבן זיך אָפגעשטעלט אַף נאַכטלעגער אין אַ שמוציקן טערקישן קאַפע-הייזל, וואָס האָט געטראָגן אַף זיך דעם גלענצנדן נאָמען „אילדיז“.—אַף טערקיש האָט עס געהייסן „אַ שטערן“. אינייִנעם מיט זיי האָבן דאָרטן גענעכטיקט גריכן שטיינ-[illegible]עקער, שוואַרצאַרבעטער-טערקן, עטלעכע רוסישע אַרבעטער, עלכע האָבן זיך דורכגעמיטלט אַף טאָג-אַרבעט און אויך עטלעכע טונקעלע פאַרדעכטיקע ברואים, וועלכע האבן זיך אין אַזאַ גרויסער צאָל אַרומגעשלעפט איבער דאָרעם-רוסלאַנד. ווי נאָר דאָס קאַפע-שטיבל האָט זיך אין איר באַשטימטער שאָ פאַרמאַכט, האבן זיך אָט די אַלע לייט געמאַכט נאַכט און זיך צעלייגט, ווער אַף די לאַנגע בייִנק, וועלכע זיינען געשטאַנען לאַנגאויס באַ די ווענט, און ווער אַף דער ערד. דערביי האָבן די מער געניטערע, צוליב ניט אומזיסטער פאָרזיכטיקייט, זיך אונטערגעלייגט אונטערן צוקאָפנס סאַמער וואָס נייטיקערס באַ זיי פון די זאַכן אָדער פון די מאַלבושים.

ס'איז שוין געווען שפעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען סערגיי, וועלכער איז געלעגן ניט ווייט פון זיידן, האָט זיך פאָרזיכטיק אופגעהויבן און גענומען אינדערשטיל זיך אָנטון. דורך די ברייטע פענצטער האָט זיך געגאָסן אין צימער אַריין בלייכע לעוואָנע-שיין. דיזעלבע שיין האָט זיך קרום און נעך-אַרטיק ציטערדיק געשפרייט אַפן דיל און, פאַלנדיק אַף די אָנגעוואָרפענע שלאָפנדיקע מענטשן, האָט זי צוגעגעבן צו זייערע פנעמער אַ שרעקלעך-אויסגעמאַטערטן און טויטן אויסדרוק.

— וואוהין וועסטו זיך עס שלעפן באַנאַכט, קלייניטשקער אינ-געלע דו, — האָט זיך דער באַלעבאָס פון דעם הייזל איבראַהים שלעפערדיק אָפגערופן צו סערגייען. אַ יונגער טערק איז ער געווען, אָט דער איבראַהים, און איז געשלאָפן באַ דער סאַמע טיר.

— לאָז דורך. איך דאַרף — האָט סערגיי געענטפערט בייז און מיט אַן אויסזען פון אַ פּאַרנומענעם מענטשן.—נו, שטיי שוין אויף אָדער וואָס, דו טערקישע ביין, דו!

איבראַהים האָט געגעצנדיק און זיך קראַצנדיק אָפּגעשפּאַרט די סיר און מיטן צונג האָט ער אַף אים וואָרענענדיק געסמאָטשקעט.

די שמאָלע געסלעך פונם סאָטערשן מאַרק זיינען געווען איינ-געזונקען אין אַ געדיכטן טונקל-בלויען שאָטן. וועלכער האָט מיט אַ שפּיצעכיקן אויסגעגייעכץ זיך געלייגט אַפן גאַנצן בריק.

אַף די עקסטע עקן פון שטעטל האָבן געבילט הינט. פון איי-בערשטן שאָסיי ערגעץ האָט זיך אַהער דערטראָגן אַ טופּען פון אַ רייטער.

אויסמיידנדיק דעם ווייסן (אין דער גרינער יאַרמלקע) מעטשעט, וועלכער איז אַרומגערינגלט מיט אַ שווייגנדיקער געזינד פון טונ-קעלע ציפּרעסן, האָט דאָס אינגל זיך אַראָפּגעלאָזן דורך אַן איינג קרום געסל צום ברייטן שליאַך. צוליבדעם ער זאָל זיך ניט באַ-לעסטיקן, האָט סערגיי אַף זיך גאָרניט אָנגעטון קיין אויבערשט, כוצן טריקאָ. די לעוואָנע האָט אים געשיינט אין די פּלייצעס אַריין און זיין שאָטן איז אים געלאָפן אַפריער אינם אויסזען פון אַ שוואַרצן. מאָדנע פאַרקירצטן געשטאַלטל. פוןביידע זייטן שליאַך האָבן זיך פאַרטאיעט שוואַרצע געקרייזלטע קוסטן. עפּעס אַ פייגעלע האָט דאָרט געשריגן איינטאָניק מיט געמאָסטענע האַפּסאָקעס, מיט אַ דינעם און צאַרטן קעלעכל: „איך שלאָף!.. איך שלאָף!..״ און סע דוכט זיך, אַז אין אָט דער-אָ באַנאַכטיקער שטילקייט היט זי אָפּ עפּעס אַן אומעטיקן סאָד און מאַכטלאָז קעמפט זי מיטן שלאָף און מיט דער מידיקייט. און שטיל, און האָפענונגלאָז קלאָגט זי זיך פאַר עמעצן: „איך שלאָף, איך שלאָף״. און איבער די טונקעלע קוסטן און אויך דאָרט, איבער די בלויע היטלען פון די ווייטע וועלדער, האָט זיך געהויבן און געשפּאַרט זיך אין די הימלען מיט זיינע צווי׳ העכסטע שפּיצן איי-פּעטרי,—אַזאַ גרינגער, אַ שאַרפער, אַ לופטיקער, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אויסגעשניטן עפּעס פון אַזאַ ריזיקן שטיק זילבערנעם באַבולע-קאַרטאָן.

סערגייען איז געווען אַביסל מאָדנע צווישן אָט דער גרויזאַמער שטומקייט. אין וועלכער ס׳האָבן אַזוי שטאַרק און אַזעסדיק אָפּגע-הילכט זיינע טריט. אָבער אין דערזעלבער צייט האָט זיך באַ אים אין האַרצן צעגאָסן עפּעס אַזאַ קיצלדיקע קאָפּ-שווינדלענדיקע בעוואַגטקייט.

אַף איין וועג-פאַרקער האָט זיך פּלוצים געעפנט דער יאַם. אַן איימעדיק גרויסער און אַ רואיקער האָט ער זיך שטיל און גע-הויבן אַ ריר געטון. סערגיי האָט שטיל און אָן געדודער זיך דורכ-געגליטשט אין דער הילצערנער טירל, וואָס פירט אין פּאַרק אַריין. דאָרט איז אונטער די געדיכטע ביימער שוין געווען אינגאַנצן פינצטער. פונדערווייטן האָט זיך געהערט דער גערויש פון דעם אומרגאיקן טייכל, און ס׳האָט זיך דאָ געפילט זיין נאַסער און קילער אָטעם. איבערן בריק האָט זיך קלאָר דערהערט אונטער די פיס דאָס אָפּהילכן פון דעם געהילך. און די וואַסער אונטער אים איך דאָך אַזאַ שוואַרצע, אַזאַ גרויזאַמע. און אָט זיינען שוין סאָף-קאָלסאָף די טשוהונענע געשניצטע טויערן. די לעוואָנע-שיין, וועלכע האָט זיך דורכגעשניטן דורך דער ביימער-געדיכטעניש, האָט זיך געגליטשט איבער די קווייטן פונם טויער מיט שוואַרצע פּאָספּאָר-פלעקן. און פון יענער זייט איז געווען כוישעך און אָנגעשפּיצט-דערשראָקענע שטילקייט.

ס׳זיינען יאָ געווען עטלעכע רעגעס, ווען סערגיי האָט דערפילט באַ זיך אינווייניק אַ וואַקלדיקייט, קימאַט אַ שרעק. אָבער ער האָט זיי בייגעקומען אָט די שווערע געפילן און האָט אַ שעפּטשע געטון:

— איך וועל אָבער קלעטערן! סיי-ווי!

זיך אַרופקאַראַבקען איז אים געווען ניט שווער. די שיינע טשוהונענע דריידלעך, פון וועלכע ס׳זיינען באַשטאַנען די געמעלן פונם טויער, האָבן געדינט פאַר גוטע אָנשפּאַר-פונקטן פאַר זיינע שטייפע הענט און קליינע מוסקלדיקע פיס. איבער די טויערן איז אַף אַ געוויסער הייך געווען איבערגעוואָרפן פון איין זייט אַפן צווייטן אַ ברייטע שטיינערנע אַרקע. סערגיי האָט מיט די שפּיץ פינגער דערלאַנגט צו איר, זיך אַרופגעקלעטערט, דערנאָך האָט

ער אַזוי אָפּן בויך ליגנדיק אַראָפּגעלאָזן די פּיס אַראָפּ, אַף דער צווייטער זייט, און האָט גענומען פּאַמעלעכן זיך רוקן אַהין מיטן גאַנצן קערפּער, ניט אופהערנדיק דערביי זוכן מיט די פינגער פון די פּיס ערגעץ אַבי וועלכן סכריפּ. אַזוי אַרום האָט ער זיך שוין איינגאַנצן אַראָפּגערוקט פון דער אַרקע און זיך נאָר געהאַלטן פאַר איר ברעג מיט די פינגער פון די אויסגעצויגענע הענט. אָבער די פּיס זיינע האָבן נאָך אַלץ ניט באַגעגנט קיין אָנשפּאַר. ער האָט, פאַרשטייט זיך, אין דער רעגע זיך ניט געקענט באַדאַכטן, אַז די אַרקע איבערן טויער טרעט אַרויס צו אינעווייניק אַסאַך ווייטער, ווי פונדרויסן. און דערווייל זיינען אים די הענט אַלעמאָל וואָס מער פאַרכאַלעשט געוואָרן, דער גוף איז אַלעמאָל שווערער און אָפּגעשוואַכטער אַראָפּגעהאַנגען און דעם אינגל איז באַפאַלן אַ טויט-שרעק.

ענדלעך האָט ער ניט אויסגעהאַלטן: די פינגער, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַרן שאַרפן ווינקל, האָבן זיך צענומען, און ער איז האַסטיק אַוועקגעפלויגן אַראָפּ.

ער האָט געהערט, ווי ס'האָט א קריטשע געטון אונטער אים דער קערנערדיקער זאַמד, און האָט דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין די קני. אַ ווייַלע איז ער אַזוי געשטאַנען אַף אַלע פיר אַ פאַרטומלטער פונם פאַלן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועלן זיך אופכאַפּן אַלע איינוואוינער פון דער דאַטשע, ס'וועט קומען צו לויפן דער באַרויגעזער הויפער אין דעם ראָזאָוון העמדל. ס'וועט זיך אופהייבן אַ טומל מיט אַ גערודער... אָבער אין גאָרטן האָט פונקט ווי פריער געהויערט די טיפע, די געהוי-בענע שטילקייט. נאָר עפּעס אַזאַ נידריקע איינטאָניקע זשו-זשעריי האָט זיך דאָך יאָ אַרומגעטראָגן איבערן גאַנצן גאָרטן:
„זשוזשו... זשוזשו... זשושו...“

„אַך, ווײַ, דאָס הודעט דאָך גאָר באַ מיר אין די אויערן!“ — האָט זיך סערגיי אנגעשטויסן. ער האָט זיך אופגעשטעלט אַף די פּיס; אַלץ אַרום איז געווען שרעקלעך סוידעסדיק, לעגענדאַריש און שיין. דער גאָרטן איז געווען אַזוי ווי אנגעפילט מיט שמעקנ-

דיקע כאַלומעס אַזעלכע. אַף די קלומבעס האָבן זיך שטיל געוויגט און אומרואיק זיך געבויגן איינער צום אַנדערן די טונקעלע בלומען, די גלייכוואוקסיקע, טונקלע און שמעקנדיקע ציפּרעסן האָבן לאַנג-זאַם געהוידעט זייערע שפּיציקע קעפּ, און עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטן זיין פאַרקלערט און עמעצן ווען פאַר עפּעס מוסערן. און פון יענער זייט טייכל האָט דאָס קליינינקע מידע פייגעלע אלץ גע-קעמפּט מיטן שלאָף און האָט אלץ אונטערטעניק זיך געקלאָגט און איבערגעבראָכן:

„איך שלאָף!.. איך שלאָף!.. איך שלאָף!...״

באַגאַכט האָט סערגיי ניט דערקענט דעם אָרט. און ווייסט איר איבער וואָס?—איבער די איבערגעפלאָכטענע, איבערגעפלאָנטערטע שאָטנס אַף די שטעגעלעך. ער איז לאַנג אַרומגעקראָכן איבערן סקריפּנדיקן זאַמד, ביז ער האָט קאָם אָנגעטראָפן צום הויז.

נאָך קיין איין מאָל אין לעבן האָט דאָס יאטל ניט איבערגע-ליכן אַזאַ מאַטערנדיקן געפיל, אַזאַ הילפלאָזיקייט, פאַרוואָרפנקייט און אַזאַ עלנט, ווי איצטער אין דער-אָ מינוט. דאָס גרויסע הויז, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, איז פול געפּאַקט מיט מוירעדיקע, אומ-דערבאַרעמדיקע פיינט, וועלכע האָבן זיך פאַרטאַיעט און קוקן-נאָך שטיל און מיט בייזע שמייכעלעך פון די טונקלע פענצטער נאָך יעדן ריר. נאָך יעדן קער פון אָט דעם-אָ שוואַכן אינגעלע. שטילשווייגנד און אומגעדולדיק וואַרטן זיי די פיינט אַף עפּעס אַזאַ צייכן, אַ סיגנאַל, אַף עמעצנס אַ צעצאָרנטן פאַרטויבנדיק-ביי ן באַפעל.

— נאָר ניט אין די צימערן... אין די צימערן קען ער ניט זיין!—האָט דאָס אינגל אַ שעפּטשע געטון אַזוי ווי פון שלאָף,— אין די צימערן וואָלט ער הוילן, און ס'וואָלט זיי דערעסן...

ער איז ארומגעגאַנגען די דאַטשע אַרום און ארום. אַפן ברייטן הויף זיינען געוועזן צעוואָרפן עטלעכע געביידעס אַסאַך פּאָשעטערע און אויסערלעך ווינציקער געקינצלטע. ווייזט אויס, אַז דאָס איז פון די באַדינערס וועגן. אויך דאָ, פּונקט ווי אינם גרויסן הויז, האָט אין די פענצטער אינערגעץ ניט געברענט קיין שיין; נאָר די

לעוואָנע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די טונקלע שויבן מיט אַ סוי-
טער, האַרביקער שיין. „איך וועל שוין פונדאַנעט ניט אַרויס,
קיין מאָל ניט אַרויס!...“ — האָט סערגיי אַ קלער געטון מיט ביינק-
שאַפט. און אין דער רעגע האָבן זיך אים דערמאָנט דער אַלטיט-
קער, די אַלטע קאַסטערינקע, די נאַכטלעגערס און די קאָפּע הייזלעך,
די אָנבייסנס בײַ די קילע קוואַלן. „דאָס וועט זיך שוין מער
קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט אומקערן“ — האָט סערגיי טרויעריק
פֿאַר זיך אַליין איבערגעכאַזערט. אָבער וואָס מער האָפּענונגלאָז,
זיינע געדאַנקען זיינען געוואָרן האָט אַלץ מער די שרעק גענומען
אָפּטרעטן איר פּלאַץ עפּעס אַן אנדער געפיל — אַ געפיל פון רואיקן
טעמפּן איעש.

אַ דינער ווישטש, שיר ניט אַזוי ווי אַ קרעכץ, האָט זיך פּלוג-
צים דערהערט. יאָ, דאָס אינגל האָט עס קאָם אופגעכאַפּט מיטן
אויער. סערגיי האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם,
מיט אָנגעשטריינגטע מוסקולן, אויסגעצויגן אַף די שפּיץ פינגער.
דער קלאַנג האָט זיך איבערגעכאַזערט. דוכט זיך, אַז דאָס איז ער
ארויס אָט דאָ פונם שטיינערנעם קעלער, לעם וועלכן סערגיי
שטייט איצטער, און וועלכער באַגעגנט זיך מיט דער דרויסנדיקער
לופט אַדאַנק די גראָבע, פּירעקעכיקע, הילצערנע קוימענדלעך
די ניט קיין באַגלאָזטע. דאָס אינגל איז איבערגעטראָטן איבער
עפּעס אַ בלומען-בייטל, צוגעגאַנגען צו דער סאַמע וואַנט, האָט צו-
געלייגט דעם פּאָנעם צו איינער פון אָט די-אָ קוימענדלעך און אַ
פייף געטון. י׳ פֿאַרזיכטיקער געבודער האָט זיך דאָרט דערהערט
ערגעץ וואו ... זן. אָבער ער איז באַלד איינגעשטילט געוואָרן.

— אַרטאָ! אַרטאָניע — האָט סערגיי אַ רוף געטון מיט אַ שטילן
ציטער.

אַן אומגעווינלעכער אָפּגעריסענער ביל האָט זיך פּלוצים צע-
גאָסן איבערן גאַנצן גאָרטן, זיך אָפּקלאַפּנדיק אין אַלע ווינקעלעך.
אין דעם-אָ ביל האָט זיך איניינעם מיט פריידיקן גרוס געהערט
אַ צוגעמישטער קלאָגן זיך, אַ רויגעז און אַפילע אַ געפיל פון
לייב-שמערץ. מע האָט געהערט, ווי דער הונט רייסט זיך דאָרט

מיט אַלע קויכעס אינם פינצטערן קעלער, און אַזוי ווי ער בער־יעט זיך, אזוי ווי ער וויל זיך פון עפּעס באַפרייען.

— אַרטאָ! הונטעניו!... אַרטאָשעלע!...—האָט דאָס אינגל איבער־געכאַזוערט מיט א וויינענדיקער שטים.

— שטום זאָל זיין, בלאַטעניק!--האָט זיך דערהערט פונונטן אַ מערדערשער גראָבער געשריי.—או, שעד פון בלאַטע!

אין קעלער האָט עפּעס אַ קלאַפּ געטון און דער הונט האָט זיך פאַרגאָסן מיט אַן אָפּגעהאַקטן הײלן.

— ניט וואַג שלאָגן! ניט וואַג, פאַרפלוכטער, שלאָגן דעם הונט!—האָט סערגיי זיך צעשריען, זיך פאַרגעסנדיק אַף וואָס פאר אַ וועלט ער איז. און האָט מיט די נעגל געכאַפּ דראַפּען די שטיינערנע וואַנט.

אַלץ, וואָס דערנאָך איז פאָרגעקומען, האָט סערגיי געדיינקט ווי דורך א נעבל. אַזוי ווי אַלץ וואָלט פאָרגעקומען אין עפּעס א היציקער קריינק. די טיר פונם קעלער האָט זיך ברייט און ראַש צעעפנט און פון איר איז ארויסגעלאָפן דער הויפער. אין איינער אונטערשטער וועש, אַ באָרוועסער, אַ באַוואָקסענער, אַ בלייכער פון דער העלער לעוואָנע־שיין, וועלכע האָט אים געלייכט גלייך אין פּאָנעם אַריין. האָט זיך סערגייען אויסגעדאַכט, אַז ס׳איז ניט קיין מענטש—ס׳איז אַ ריז, אַ צערייצטע פארשטעלעניש ערגעץ פון די, וואָס מע דערציילט אין די מאַיסעס.

— ה... קריכסט עס דאָ אַרום? איכל דערשיסן אַפן אָרט!—האָט אַזוי ווי פון אַ דונער אויסגעשאָסן זיין באַסקאָל איבערן גאָרטן.— גאַנאָווים! מע רויבט!

אָבער אין דערזעלבער רעגע איז פון דער פינצטער־צעעפנ־טער טיר ווי אַ ווייסער קנײלכן אַרויסגעשפרונגען אַרטאָ מיט אַ געביל, אַפן האַלז בא אים האָט זיך געטלעפּעט אַן אָפּגעריסענע שטיקל שטריקל.

אָבער דעם אינגל, אין עמעס גערעדט, איז שוין דער הונט ניט געלעגן אין זינען. פון דעם מוירעדיקן אויסזען פונם הויפער איז אים באַפאַלן אַן אומנאַטירלעכע שרעק. די פיס האָבן זיך אים אונ־

סערגעבראָכן און דער גאַנצער קערפּער איז אים געוואָרן געליימט. אָבער צום גליק האָט דער פאַרשטיינערטער צושטאַנד לאַנג ניט געדויערט! סערגיי האָט קימאַט אומבאַוואוסטזיניק אַרויסגעלאָזן א לאַנגן אויסגעצויגענעם קוויטש, און אליין ניט וויסנדיק האָ-הין און נאָך וואָס, האָט ער זיך געלאָזן לויפן דירעקער אהין און ווייטער פונם פאַרשטאָלטענעם קעלער.

ער איז געפלויגן אזוי ווי א פויגל, קלאַפּנדיק שטאַרק אלע ווײַלע די פיס אין דער ערד. און זיי זיינען בא אים פלוצים גע-וואָרן עפּעס אַזעלכע שטייפע, אזוי ווי שטאָלענע שפּרונזינעס. באַגלייך מיט אים האָט געיאָגט אויך אַרטאָ מיט א פריילעכן געביל, און פונונטן האָט שווער געכראָמקעט איבערן זאַמד דער הויפער און האָט צערייצט געברילט מיט אַזעלכע מאָדנע מינע וידלערייען.

צעיאָגטערהייט איז סערגיי אַרופגעלאָפן אַפן טויער. אָבער ער האָט אַפילע ניט קלערנדיק, נאָר מער אינסטינקטיוו דערפילט, אַז דאָ אַרום איז קיין וועג ניטאָ. צווישן דער שטיינערנער, וויי-סער וואַנט און די ציפּרעסן, וועלכע וואַקסן נעבן, קימאַט אַף דער וואַנט, איז געווען אַ שמאָלער, אַ פינצטערער שפּעלטל.. נאָרניט קלערנדיק, זיינענדיק נאָר אונטער דעם איינעם געפיל פון שרעק, האָט זיך סערגיי אָנגעבויגן, זיך אַ גליטש געטון אַהין און זיך געלאָזן לויפן לאַנגויס דער וואַנט. די שאַרפע ציפּרעסן-נאָדלען, וועלכע האָבן געדיכט און בייסנדיק געשמעקט מיט פעך, האָבן אים געפּאַטשט איבערן פּאָנעם. ער האָט זיך אַלעמאָל פאַר-כשעפּעט אין די וואָרצלען, איז געפאַלן, זיך צעשלאָגנדיק די הענט אין גאָלע בלוט, אָבער גלייך איז ער אופגעשפרונגען, ניט פילנדיק אַפילע קיין ווייטיק. און איז ווייטער אַוועקגעלאָפן פאָרויס צו-גויפגעדרייט אין צווייען און ניט געהערט זיין אייגענעם שרייען. אַרטאָ האָט זיך אוואָרף געטון פיס-טריט נאָך אים.

אַזוי איז ער געלאָפן דורכן שמאָלן קאָרידאָר, וועלכן סע בילדן פון איין זייט די הויכע שטיינערנע וואַנט און פון דער צווייטער—די איינג-צעשטעלטע ריי ציפּרעסן. געלאָפן איז ער ווי אַ קליין געכאַפּט כאַיעלע, וועלכע ווערט מעשוגע פאַר שרעק,

און יאָגט ארום איבער אַ לאַנגער אומענדלעכער פּאַסטקע. אין מויל איז אים איבערגעטריקנט און יעדער אָטעם וואָס ער טוט שטעכט אים אין ברוסט מיט טויזנטער נאָדלען. דעם הויפּערס טופּען הערט זיך דאָ פֿון רעכטס, דאָ פֿון לינקס, און דאָס פֿאַרלאָרענע יאַטל וואַרפֿט זיך אויך דאָ אַהין און דאָ צוריק. עטלעכע מאָל איז ער דורכגעלאָפֿן פֿארבײַ דעם טויער און איז אָבער צוריק אַרײַנגעשפּרונגען אין זײַן לעכל.

ענדלעך האָט זיך שוין סערגיי אַרויסגעשלאָגן פֿון די קויכעס. דורך דער ווילדער שרעק האָט פּלוצים אָנגעהויבן אַרײַנדרינגען אין אים אַ קאַלטע, טויטע פּײַן און אַ טעמפּער גלײַכגילט צו יעדער געפֿאַר. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אונטער אַ בוים און זיך צוגעטוליעט צו אים מיט זײַן גאַנצן מאַכטלאָזן פֿאַרמאַטערטן קערפּערל און האָט גאָר פֿאַרמאַכט די אויגן. אַלץ נעענטער און נעענטער האָט געכראָמקעט די זאַמד אונטער די שווערע טריט פֿונם סוינע. אַרסאָ האָט שטיל אונטערגעווישטשעט, אַרײַנשטעקנדיק זײַן קאָפּ צו סערגייען אין די קני.

אין צוויי טריט פֿונם יאַטל האָבן אַ רויש געטון די צווייגן אונטער עמעצנס הענט, וועלכע האָבן זיך געפּרוּווט זיי צענעמען. סערגיי האָט אומבאַוואוסטזיניק אַ הייב געטון די אויגן אַרויפֿצו און איז פּלוצים אַ שטאַרק דערפֿרייטער אויפֿגעשפּרונגען אַף די פֿיס. ער האָט נאָר-וואָס באַמערקט, אַז די וואַנט פֿונקט דאָ אַנקעגן דעם אָרט, וואו ער זיצט, איז שטאַרק אַ נידעריקע — זי וועט קאָם האָבן אָנדערהאַלבן אַרשין אין דער הייך. הייסט עס, פֿונויבן זײַנען דאַווקע געוועזן אײַנגעשטיקעוועט אין איר אַ סאַך שטיקלעך גלאָז פֿון אָנגעבראָכענע פֿלעשלעך, אָבער סערגיי האָט שוין וועגן אַזעלכע זאַכן אַפֿילו קלערן ניט געוואָלט. ער האָט גלײַך געכאַפּט אַרטאָן, אים אויסגעדרייט אינדערבריים און אים אַרויפֿגעשטעלט מיט די פֿעדערשטע פֿיס אַף דער וואַנט. דער קלוגער הונט האָט אים איצט אויסגעצייכנט פֿאַרשטאַנען. ער האָט זיך גיך אַרויפֿגעקלעטערט אַף דער וואַנט און דאָרט פֿונויבן שוין איז ער אַרומגעגאַנגען, געדרייט מיטן עק און געבילן פֿאַר ניצאָכן.

גלייך נאָך אים איז שוין אויך סערגיי געווען אַף דער וואַנט, פונקט איז עס אויסגעקומען אין דער רעגע, ווען פון צווישן די צעגומענע ציפּרעסן-צווייגן האָט זיך באַוויזן אַ געזונטע, טונקעלע געשטאַלט. די צוויי בויגעוודיקע, פלינקע קערפּערס — דעם הונטס און דעם אינגלס — זיינען געשווינד און ווייך אַראָפּגעשפּרונגען אַראָפּ אפן שליאַך. און אונטער זיך האָבן זיי נאָר דערהערט, ווי ס'האָט זיך אַ כליופּ געטון אַ מיעסער שטראָם פון מיעסע און ווילדע זידלערייען.

צי דער הויפער איז געווען ווינציקער געשיקט פון אונזערע צוויי גוטע פריינט, צי ער האָט זיך פאַרמאַטערט פונם אַרומקריכן איבערן גאָרטן, — אָבער ער האָט זיך פּאַשעט ניט געגלויבט, ער זאָל דעריאָגן די אַנטלאָפענע. אָבער דער סאָף איז געווען, אַז ער האָט זיי מער ניט פאַרפאָלגט. די יאַטן, דערווייל, פון ווייער זייט, זיינען נאָך לאַנג געלאָפן אָן אָפּרו, — ביידע שטאַרקע און געשיקטע און ווי באַפליגלטע מיט דער פרייד פון באַפרייאונג. אַרטאָ האָט גלייך באַקומען צוריק זיין פריערדיקע לייכטזיניקייט. ווען סערגיי האָט זיך נאָך אַלע ווײלע אומגעקוקט מיט מוירע אַף צוריק, איז שוין אַרטאָ אומגעשפּרונגען אַף אים, טרייסלענדיק מאָלע-סימכע מיט די אויערן און מיטן אָפּגעריסן שטיקל שטריקל. און ער האָט זיך אַלץ געפלייסט, ער זאָל אים אַזוי אין פולן גאַנג דערטאַפּן דעם פּאָנעם און אים אַ לעק טון גלייך אין די ליפּן אַריין.

סערגיי איז געקומען צו זיך ערשט לעם קוואַל, לעם דעם-זעלבן, וואו זיי האָבן אַנומאלטן (דוכט זיך ערשט נעכטן) געגעסן אינאיינעם מיטן זיידן מיטאָג. צוגעפאַלן אינאיינעם מיט די מיילער צו דער קאַלטער וואַסער. האָבן דער הונט מיטן מענטשן לאַנג און זשעדנע געשלונגען דעם פרישן און געשמאַקן געטראַנק. זיי האָבן אָפּגעשטויסן איינער דעם אַנדערן און אונטערגעהויבן די קעפּ אַף איבערכאַפּן דעם אָטעם, בעאייס פון זייערע ליפּן האָט הילכיק געטריפן די וואַסער. און דערנאָך ווייטער אַמאָל מיט פרישער דאָרשט צוגעפאַלן צום קוואַל און ניט געקענט זיך אָפּרייסן פונ-דאַנען. און ווען זיי האָבן זיך ענדלעך שוין אָפּגעריסן פון קוואַל

און ווינען אַוועק ווייטער, האָט זיך די וואַסער געפּלישקעט און געבולבעט אין זייערע אָנגעפּוישטע בייכער.

די געפּאַר איז שוין אַוועק. אַלע שרעק פון היינטיקער נאַכט זיינען שוין פאַרשוואונדן און קיין זייכער אַפילע פון זיך ניט איבערגעלאָזן. און זיי ביידן איז געווען גרינג און פריילעך צו שפּאַ־נען איבער דעם ווייסן וועג, דעם באַלויכטענעם פון לעוואָנע־שיין, צווישן די טונקעלע געקרייזלטע קוסטעס, פון וועלכע ס'האָט גע־צויגן מיט גאַנצפריענדיקער פייכטקייט און זיסן רייעך פון באַפריש־טער בלאָט.

אין דער קאַפע־הייזל „אילדיז" האָט איבראַהים באַגעגנט דעם יאָסל מיט אַ פאָרוואורף:

— און וואָס שלעפּסטו זיך אַרום, קליינינקער אינגל? וואָס שלעפּסטו זיך אַרום? וואַי־וואַי־וואַי, פע, ס'ניט פיין...

סערגיי האָט ניט געוואָלט וועקן דעם זיידעשי. אָבער דאָס האָט שוין אַרסאָ געטון. ער האָט פּאַר איין רעגע אָפּגעזוכט דעם אַלטן צווישן די הויפנס אַף דער ערד זיך וואַלגערנדיקע קערפּערס. און איידער יענער האָט זיך באַוויזן באַדאַכטן, האָט ער אים שוין אַרומגעלעקט מיט אַ פריידיקן ווישטשען אי די באַקן, אי די אויגן, אי די נאָז און דאָס מויל. דער אַלטינקער האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזען די שטריקל באַם פודעל אַפן האלז. דערזען דעם יאָסל, וואָס ליגט דאָ לעם אים אָן איינגעטונקטער אין שטויב פון קאָפּ ביז די פיס — און האָט שוין דאָס איבעריקע אַליין פאַרשטאַנען. ער האָט זיך געוועןאַפילע אָפּגעאָפּן צו סערגייען, יענער זאָל וואָס ס'ניט איז דערציילן. אָבער ער האָט זיך פון אים גאָרניט ניט געקאָנט דערשלאָגן. דאָס אינגל איז שוין געשלאָפן מיט צעוואָרפענע הענט אין ביידע זייטן און מיט אַ ברייט צעעפנט מויל.